STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14460

# DI YOYNES UN DER VALFISH

Henri Sloves

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



ח. סלאָוועס

# די יוֹנה.ס און דער וואַלפֿיש

פֿאַרלאַג פּאַריז

ISBN: ISBN:0-657-14460-6
Barcode/EAN: 9780657144609

Old Call #: 4105 4107

Digitized by the Internet Archive
in 2013

http://archive.org/details/nybc214460

[illegible]

# די יונהם און דער וואַלפיש

ח. סלאָוועס

# די יונהם
# און דער וואַלפיש

פאָלקס־שפיל אין דריי אַקטן

פאַרלאַג „אויפסניי״ פאַריז

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון ביאַליסטאָקער פאַרבאַנד
אין אַרגענטינע.

---

די פאָלקס־שפּיל „די יונהס און דער וואַלפיש״ איז פּרעמירט געוואָרן דורכן משה־קאָסנער־פאָנד אין אַרגענטינע. זי איז, צום ערשטן מאָל, אויפגעפירט געוואָרן, אין בוענאָס־איירעס, דורכן „איפט״ (אַרגענטינער יידישער פאָלקס־טעאַטער), אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט.

דאָס אויפפירן, אין וועלכער ניט איז פאָרם, פון דער פּיעסע, אין גאַנצן אָדער טיילווייז, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר, איז פאַרבאָטן.

---

הילע געצייכנט פון אַרטור קאָלניק

---

**H. SLOVES : Di Yoynes oun der Valfish**
(Les Jonas et la Baleine)
COMEDIE EN TROIS ACTES

*Tous droits réservés pour tous pays*
*Copyright by Editions* « Ofsnaï », *Paris* 1953

---

**PRINTED IN FRANCE**

---

**Imprimerie S. I. P. N., 14, Rue de Paradis, Paris-10e**

דעם טעאַטראָלאָג, טעאַטער־קריטיקער און שריפטשטעלער

## נ. בוכוואַלד

במתנה

טייערער פריינט,

ניט קיין טראַגעדיע חלילה שיק איך אייך, ניט קיין דראַמע, אפילו ניט קיין מעלאָדראַמע — אויך ניט קיין קאָמעדיע, קיין פאַרס, קיין וואָדעוויל, אָדער „בורלעסק" להבדיל. (כ׳האָב, ווי איר זעט, אויסגערעכנט אַלע דראַמאַטישע זשאַנרן, וועלכע איר האָט מיט אַזוי פיל פאַך־קענטעניש אויסגעפאָרשט און באַשריבן אין אייער שוין קלאַסיש־געוואָרענעם „טעאַטער"). איך שיק אייך — אַ פאָלקס־שפּיל, אַ נייע פאָלקס־שפּיל, אַ מאָדערנעם נוסח פון אונדזער אַלטער יונה־שפּיל.

בראש מיטן וועלט־באַרימטן יונה בן אמתי, לאָזט זיך אַוועק צו אייך, איבער שבעה ימים, אַ גאַנצע חברה יונהס, פאַרשוינען פון פאַרשיידענעם מין און שטאַנד, מיט פאַרשיידענע השגות און לעבנס־צילן.

איך וויל האָפן, אַז די דאָזיקע פאַרשוינען וועלן געפינען חן און לייטזעליקייט אין אייערע אויגן, לכל הפחות ניט ווייניקער ווי בשעתו זייערע לייבלעכע ברידער, די חברה־שפּילער פון „המנס מפלה", וואָס האָבן, אַדאַנק אייך טאַקע, זוכה געווען צו דערזען, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, די ליכטיקע טעאַטער־שיין.

וואָס די יונה־שפּיל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַמאָל, ווי אַזוי זי האָט אויסגעזען אין די אויפפירונגען פון די מיטלאַלטערלעכע געטאָס, ווייסן מיר ניט גענוי. אויב איך בין זיך נישט טועה, איז צו אונדז ניט דערגאַנגען פון אָט דער שפּיל קיין איין טעקסט, אפילו ניט קיין שום פראַגמענט.

מען קאָן זיך לייכט משער זיין, אַז די מיטלאַלטערלעכע מחב־רים פון דער יונה־שפּיל זיינען, פונקט ווי זייער צושויער־עולם, געווען באַווירקט בעיקר דורך דער אויסערלעכער פאַנטאַסטיק פון

דער יונה־לעגענדע. אַ נביא, וואָס ווערט איינגעשלונגען אין מיטן העלן טאָג דורך אַ וואַלפיש — דאָס איז אַן אמתע מעשה־נורא, וואָס פאַרכאַפּט און דערשיטערט. יונהס אַנטלויפן, זיין נסיעה אויף דער שיף, דער שטורעם, דאָס אַריינוואַרפן אין ים, דאָס איינשלינגען, תפילה־טאָן א. אַ. וו. א. וו. — אָט דער גאַנצער דראַמאַטישער שטאָף בעט זיך ממש פאַר עפעקטפולער סצענישער געשטאַלטיקונג.

אָבער נאָך שטאַרקער ווי די אויסערלעכע פאַנטאַסטיק, ווירקט אויף אונדז היינט די אינערלעכע אומגעוויינלעכקייט, די אויסטערלישקייט, די נישט־דערזאָגטקייט פון דער תנך־לעגענדע. צום ערשטן מאָל דערשיינט פאַר אונדז אַ נביא וואָס וויל קיין נביא נישט זיין, אַ נביא וואָס פרווט גאָר אַנטלויפן פון זיין שליחות, אַ נביא אַן איפּגעצוונגענער!

וואָס איז אייגנטלעך דער סוד פון יונה בן אמתי?

פאַרן גרויסן יידישן דיכטער פון דער שפּאַנישער תקופה, משה אבן עזרא, איז אָט דער סוד געלעגן אין דעם, וואָס יונה, אַנטלויפנדיק פאַר גאָט, האָט שנעל דערפילט, אַז ס׳איז נישטאָ ווו צו אַנטלויפן, מחמת גאָט איז אומעטום.

אַ היינטצייטיקער יידישער מחבר קאָן אָבער דעם יונה־סוד זען אין אַן אַנדער ליכט. דאָס אָרט פונם געטלעכן, וואָס האָט זיך אויסגעוועפּט און איז פאַרשוואונדן פון אונדזער דענקען און פילן, פאַרנעמט היינט דאָס געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישע. יונהס וועג איז פאַר אונדז — דער וועג פון געזעלשאַפטלעכן אימפּעראַטיוו. אָט דער אימפּעראַטיוו פאַרוואַנדלט עס דעם געוויינלעכן יידן פון אַ גאַנץ יאָר, דעם אָנגעשראָקענעם און אַנטלויפנדיקן יונה בן אמתי — אין יונה הנביא, אינעם פאָלקס־טריבון און קעמפער קעגן אומרעכט. דאָס איז דער זיג פונעם באַוווסטזיין פון געזעלשאַפטלעכן חוב, פאַר וועלכן ס׳איז נישט מעגלעך צו אַנטלויפן, ווייל ס׳איז נישטאָ ווו צו אַנטלויפן.

און מיט אַ מאָל ווערט דער ווייטער תנכישער יונה אונדזערער אַ בן־דור און אַ נאָענטער קרוב, איינער פון די טויזנטער און טויזנטער פשוטע יידן, וואָס זיינען, אין אונדזער שטורעמדיקער צייט, געשטויסן געוואָרן — אָפט טאַקע נאָך כלערליי וואַקלונגען און אַנטלויפעניש — צו דרייסטער געזעלשאַפטלעכער טאַט, צו שווערן, עקשנותדיקן און מוטיקן קאַמף פאַר יושר און צדק צווישן מענטשן און פאַר שלום צווישן פעלקער.

צונויפשמעלצן נייעס, מאָדערנעם אינהאַלט מיט אַלט־יידי־שער באַנייטער פאָרם און באַהויכן דעם געשמעלץ מיט עכטער פאָלקסטימלעכקייט, מיט פאָלקישן חן און ריח, מיט געזונטן פאָל־קישן אָפּטימיזם — אָט דאָס איז דער מיין פון „די יונהס און דער וואָלפיש".

און אַזוי ווי איך האַלט שוין אין אַנטפּלעקן פאַר אייך, טייע־רער פריינט, די פאַרבאָרגנסטע כוונות מיינע (וואָס זיינען, האָפנטלעך, גאָרנישט אַזוי שטאַרק פאַרבאָרגן), וויל איך אויך, איר זאָלט וויסן, אַז עס זיינען, אין שייכות מיט דער חברה־יונהס, אויפגעשווומען אַ רייע וויכטיקע שאלות, וועלכע פאַרדינען, מען זאָל זיי אויפנעמען ביז גאָר ערנסט.

אויב, האָט מען געפרעגט, מיין פאָלקס־שפּיל דאַרף זיין טאַקע אַ מאָדערנע פּיעסע, וואָס איז אויסן צו דערציילן וועגן היינט און פאַרן היינט — טאָ פאַרוואָס אָנלייגן אַזאַ שטיק וועג און גיין צום היינט... דווקא דורכן ווייטן נעכטן? וואָלט ניט גלייכער געווען צו קוקן אויפן אַרום נישט דורך אַן אַלעגאָרישן שלייער, נישט דורך רמזים און אָנצוהערענישן, נאָר פּשוט, דירעקט און אומ־מיטלבאַר? אויב די יונהס מיינען זיינען היינטצייטיקע יידן, וואָס יעדער פון אונדז באַגעגנט זיי אַלע טעג פון דער וואָך — טאָ צו וואָס פאַרשטעלן זיי אין פאַרצייטיקע תנכישע בגדים?

מיר לעבן אין גרויסע און גורלדיקע טעג. דאָס קינסטלערישע וואָרט באַקומט זיין תיקון און אמתן זין בלויז דאַן, ווען עס גע־פינט אַ וועג צום געשיכטלעכן געראַנגל פונעם מענטש פאַר אַ נייעם, באַפרייטן מאָרגן. אַלץ וואָס איז היינט שאַפעריש, געזונט און דויערנדיק אין דער קונסט ציט יניקה פונעם רעאַליזם, זוכט קינסטלערישן רוי־שטאָף אוממיטלבאַר אין דער אַרומיקער ווירק־לעכקייט, טאַקע בכדי אָט די ווירקלעכקייט ווי צום טיפסטן צו באַווירקן און געשטאַלטיקן. ווי שיקט זיך עס דעריבער, ביי אַ פּראָגרעסיוון יידישן מחבר, דאָס שעפּן טעמאַטיק פון דער ווייטער תנך־לעגענדע, אפילו שוין ווען לעגענדע ווערט אָרגאַניש פאַר־בונדן מיט נאָענטער רעאַליטעט? און ווי שיקט זיך עס בכלל — דאָס שאַפן פון פאָלקס־שפּילן, היינט צו טאָג, אפילו שוין ווען זייער ציל איז נישט דווקא די בלויזע הנאה פון שפּיל צוליב שפּיל?

איך גלויב, אַז אויף די אַלע פראַגן וואָלט געקענט קומען פאָלגנדיקע תשובה: די באַרעכטיקונג פון אַ קונסט־פאָרם ליגט

אין דער מאָס און אין דעם אופן, ווי אַזוי זי דערפילט — טאַקע אויף איר אייגענעם, ספּעציפישן שטייגער — די אַלגעמיינע פאָדער־רונגען, וועלכע מיר שטעלן לגבי קונסט בכלל. און געוויסע אמתן דערגייען אָפט צום פּשוטן פאָלקס־מענטש גראָד אַמבעסטן, ווען זיי ווערן געבראַכט אויף די פליגל פון אַ פאָלקס־לעגענדע.

צי איז די תשובה אַן אויסשעפּנדיקע? געוויס ניין. און זי איז אויך נישט אויסן עס צו זיין. איך האַלט, אַז דער דאָזיקער ענין פאַרדינט, מען זאָל זיך איבער אים געמיינזאַם פאַרטראַכטן, מחמת ער גייט ווייט אַריבער, ווי מיר דוכט, די גרענעצן פון „די יונהס" און רירט אָן עיקר־פּראָבלעמען פון פאָרם און טעמאַטיק אין אונדזער טעאַטער־רעפּערטואַר און אין דער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור בכלל.

אָבער קודם כל און נאָך פאַר אַלע וכוחים, וויל איך אייך בעטן, טייערער פריינט — עפנט צוערשט ברייט אייערע טיר־און־טויער פאַר דער חברה־יונהס, ענטפערט מיט אַ פיינעם גוט־יאָר אויף זייער שיינעם גוטן־אָוונט און לאָזט זיי אייך באַווייזן, וואָס זיי קאָנען.

און אין דער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיין ביי אייך אָנגעלייגטע געסט, דאַנקט אייך פון פאָרויס — לויטן אַלטן, אָנגענומענעם מנהג — אין נאָמען פון דער חברה־שפּילער און אין זיין אייגענעם נאָמען,

פון טיפן האַרצן און מיט אויפריכטיקער פריינטשאַפט

דער מחבר

## חברה-שפילער:

| | |
|---|---|
| הערָאלד | סעקרעטאַר |
| יונה | רודערמאַן |
| יוינעכע | עלצטער |
| יוינאָווע | דאָס קול |
| יודבר | מצרים |
| יונתו | אַדומים |
| יולקח | אַרמים |
| יורצון | מצריכעס |
| פּאַרקויפער | אדומיכעס |
| קאַפּיטאַן | ערשטער מאַן |
| קאָמענדאַנט | צווייטער מאַן |

מאַנשאַפט

# פאָרשפּיל

(חברה־שפּילער קומט אַריין)

העראָלד:

לעבעדיקער, חברה! פריילעך זאָל זיין! זינגט אַלע און בקול רם!

אַלע:

(זינגען) יונה, יונה, יונה דאָרטן
יונה, יונה, יונה דאָ
יונה, יונה — הויב שוין אָנ׳עט
אין אַ מזלדיקער שעה

העראָלד:

מען קאָן אָנהויבן, חברה?

אַלע:

יאָ, יאָ, מען קאָן!

העראָלד:

(צום ערשטן שפּילער) אַנו, דערלאַנג, קאָלעגע־שפּילער!

ערשטער שפּילער:

(גייט אַרויס, פאַרנויגט זיך, זינגט) איך בין קיניג־אחשורוש (עס ווערט אַ גרויס געלעכטער)

העראָלד:

(לויפט צו צו אים) ביסט משוגע, צי חסור־דעה? וואָס פאַר אַ קיניג אחשורוש! מיר שפּילן דאָך הייַנט די יונה־שפּיל!

ערשטער שפּילער:

אוי וויי! גאָר פאַרגעסן... (אַלגעמיינער געלעכטער)

העראָלד:

דו ווייסט, וואָס עס קומט פאַר אַזאַ פאַרגעסן?!

ערשטער שפּילער:

זיי מיר מוחל, קאָלעגע העראָלד!

הערָאלד:

מוחל־שמוחל! (ס׳פּאַלט אים איין) זאָג מיר נאַר, חברה־מאַן, דו קענסט כאָטש די יונה־שפּיל?

ערשטער שפּילער:

(פאַרלוירן) דאָס הייסט... ע... איך...

הערָאלד:

דו ווייסט, ווער יונה איז געווען?

ערשטער שפּילער:

יונה?... (טראַכט אַ ווײַלע) א יונה!

הערָאלד:

א יונה, זאָגט ער! אָבער וואָס האָט ער געטאָן, דער דאָזיקער יונה?!

ערשטער שפּילער:

וואָס ער האָט געטאָן?... (טראַכט אָנגעשטרענגט) מיר דוכט... ער האָט געהאַלטן אַ סאָדע־וואַסער געוועלבל... ביים וואַלפיש אין בויך...

הערָאלד:

(אויסער זיך) גראָבער יונג! אַרויסוואַרפן אויף דריי שפּענדלעך וואָלט מען דיך געדאַרפט פון דאַנען! (אַ ביסל באַרואיקט, ווענדט זיך צום צווייטן שפּילער) דערצייל אים די מעשה מיט יונהן!

צווייטער שפּילער:

יונה איז געווען... הם!... יונה איז געזעסן... הם!... יונה איז געזעסן ביים וואַלפיש אין בויך... ער איז.... (שטאַמלט, חייסט ניט וואָס ווייטער צו זאָגן)

הערָאלד:

ביסט אויך פון די גרויסע למדנים!... (צום דריטן שפּילער) דערצייל שוין דו, אַ סוף!

דריטער שפּילער:

דער וואַלפיש האָט איינגעשלונגען יונהן... הם!... איז יונה געלעגן ביים וואַלפיש אין בויך... הם!... איז ער געלעגן...

דריי טעג און דריי נעכט... ער האָט תפילה געטאָן... הם! האָט ער... האָט ער... (ווייסט אויך נישט ווי צו ענדיקן)

הערשאָלד:

רבונו של עולם, אַזעלכע פויער־יונגען האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען! וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך?! איר זייט קיינער אין חדר ניט געגאַנגען?! וואָס איז די מעשה, וואָס זיי (ווייזט אויפן עולם) קענען אַלע אויסגעבונדן די געשיכטע מיט יונהן?! (ווענדט זיך צום עולם) ניט אמת, האַ? איר געדענקט אַלע דעם ספר־יונה? (קוקט אָן אַ ווײַלע דעם עולם און זיין אויסדרוק בייט זיך ביסלעכווייז; רעדט ווי צו זיך אַליין) אוי ווי, איך האָב מורא, זיי ווייסן נעבעך אויך אַ קרענק! (צו די שפּילער) בקיצור: שטעלט אָן אייערע אויערן און עפנט אויף אייערע מיילער! (די שפּילער פאָלגן) שוין?

אַלע:

(מיט אָפענע מיילער) שוין!

הערשאָלד:

איז האָרכט די מעשה! יונה איז געווען אַ ייד, קאַטאָרי ־ וועלכער! דאָס הייסט — צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן — פון אָנהויב, איז ער שוין גראָד נישט געווען אַזאַ מי יודע וואָס קאַטאָרי וועלכער; ערשט שפּעטער איז ער עס געוואָרן. קורץ — איינמאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, רופט זיך אָן צו אים דער אויבערשטער: יונה, איך זאָלב דיך פאַר אַ נביא! שטיי אויף און גיי אין דער זינדיקער שטאָט נגוה און מאַך זיין דאָרטן דעם אמתן מי־שברך! איז זיך אָבער יונה מיישב: ווי קומט ער עפּעס צו נביאות? און וואָס טויג אים גלאָט זיך צו מישן אין קהלשע געשעפטן? מאַכט ער זיך כלא־ידע און נעמט און קויפט זיך שטילינקערהייט אַ שיפס־ קאַרטע און אַנטלויפט גאָר קיין תרשיש. איי, פע! מוז דאָך שוין דער אויבערשטער ריידן מיטן האַרבן וואָרט! נעמט ער און הויבט אויף אַ גרויסן שטורעם אויפן ים און כדי איינצושטילן אָט דעם שטורעם, נעמט מען אונדזער יונהן און מען וואַרפט אים נעבעך אין ים אַריין...

אַלע:

אוי ווי!

הערָאלד:

וואַרט! איז דאָך אָבער גאָט פאָרט אַ טאַטע־פאָטער, נעמט ער און שיקט צו אַ וואַלפיש און הייסט אים איינשלינגען יונהן. כך הווה! יונה איז געווען ביים וואַלפיש אין בויך דריי טעג און דריי נעכט, ביז דער אויבערשטער האָט באַפוילן און דער וואַלפיש האָט יונהן אויסגעשפּיגן.

אַלע:

אַזוי ?!

הערָאלד:

אָבער דאָ, פאַרשטייט איר מיך, נאָכן גאַנצן פּעקל צרות, האָט זיך יונה פּלוצלונג אַרומגעזען: פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט ווערן אַ נביא ?! וואָס איז ער עפּעס, אַ מאַלטשיקל, וואָס ?! צי ערגער פאַר אַנדערע ?!

אַלע:

טאַקע אַזוי!

הערָאלד:

אָט־אָט־אָט! גערעדט און געטאָן! און יונה איז געוואָרן דער אמתער קאָטאָרי וועלכער, אַ פלאָם־פייערדיקער נביא! דאָס איז די גאַנצע מעשה. (צום ערשטן שפּילער) איז דאָס אַזוי שווער צו געדענקען ?

ערשטער שפּילער:

לייכט ווי אַ פעדערל, קאָלעגע הערָאלד!

הערָאלד:

און איר, חברה ?

אַלע:

מירן געדענקען!

הערָאלד:

(צום ערשטן שפּילער) אַצינד ווייסטו שוין, ווער דו ביסט, קאָלעגע ?

ערשטער שפּילער:

אַ שאלה, צי איך ווייס! איך בין יונה!

הערָאלד:

(צו אַ שפּילערין) און דו ?

**שפילערין:**

איך בין יוינעכע! (דער העראָלד טייטלט מיטן פינגער אויף די שפּילער און יעדער פון זיי זאָגט זיין נאָמען)

**שפילער:**

— יוינאָווע!

— יונתן!

— יולקח!

— יודבר!

— יורצון!

**העראָלד:**

איז — לעבעדיקער, יונהס!

**אַלע:**

(זינגען) יונהס, יונהס, יונהס דאָרטן
יונהס, יונהס, יונהס דאָ
יונהס, יונהס כל הסאָרטן
הויבט אָן אין אַ גוטער שעה.

(זינגענדיק און טאַנצנדיק, גייט חברה־שפילער אַרויס)

**פ ו י ר ה א נ ג**

# ערשטער אַקט

ה ע ר אָ ל ד :

(פאַרן פורהאַנג)

אַ שיינעם גוטן אָוונט אייך, מיינע ליבע לייט
גאָט זאָל אייך דערפרייען אין אונדזער שווערער צייט
אַ גוטן אָוונט פרינצן, גראַפן, קאַוואַלירן, דאַמען
דערלויבט דעם ספר יונה דורכצובלעטערן צוזאַמען

(עפנט אַ ספר, לייענט) ויהי... און ס׳איז געווען... און יונה איז אויפגעשטאַנען צו אַנטלויפן קיין תרשיש פון פאַר גאָט און ער האָט געפונען קיין יפו און האָט געפונען אַ שיף, וואָס גייט קיין תרשיש.

ווער איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן
אין דער גרויסער פּאָרט־שטאָט, אין יפו, טאָן פירן
אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע יפו, דו מיין

(דער פורהאַנג גייט אויף)

ה ע ר אָ ל ד :

אָט זיינען מיר אין יפו, מיינע הארן און דאַמען. דאָ (ווייזט אויף רעכטס) שטייען שיפן, גרייט צו לאָזן זיך אין וועג. דאָרט (ווייזט אויף לינקס) שטייט דער ים. און דאָ אויבן (ווייזט אויף אַרויף) הענגט דער הימל; אַ בלוי־ער, אַ ליכטיקער, אַן ארץ־ישראלדיקער! און אונדזער מעשה הויבט זיך אָן אַזוי: דער וואלפיש פון נבוה! איי, ימח שמו וזכרו! אַ רוצח איז דאָס, דער ניט־גוטער אַליין! קערט איבער שיפן אויפן ים, מאַכט חרוב די ברעגעס, זייט וויס־טעניש אין דערפער און שטעט. אַממערסטן האָבן אויסצו־שטיין די יונהס נעבעך, דער וואַלפיש איז זייער דם־שונא. זוכן מענטשן עפעס אַ מיטל, אַ שטיקעלע רפואה. אָט, זעט אַליין! (גייט אָפּ אין אַ זייט)

**פּאַרקויפּער:**

(גייט דורך פּאַמעלעך די בינע, מיט אַ פּעקל סחורה, און רופט) ים־קאַטערס קעגן שיפבּרוך! כשרע קמעות קעגן וואַלפיש! שיר־המעלותן קעגן שטורעמס! (צום עולם) איר ווייסט ניט — עס קלויבן זיך עפּעס יונהס צו מאַכן ויברח! איך ברויך עס נויטיק וויסן. דער וואַלפיש דאַרף עס אויך געוויטיק וויסן, כע־כע־כע! (בייט דעם טאָן) ים־קאַטערס קעגן שיפבּרוך! כשרע קמעות קעגן וואַלפיש!

**העראָלד:**

(אין אַ זייט) פוילע סחורה, נעבעך. און דער סוחר זעט מיר אויך עפּעס ניט אויס קיין גרויסער איי־איי־איי.

**פּאַרקויפּער:**

וואַלפצייגדלעך, קמעות, שפּרוכן מכל המינים! (גייט פּאַמעלעך אַרויס)

**העראָלד:**

און אָט איז יונה. (פאַרשווינדט)

**יונה:**

(קומט אַריין, רופט נאָך דעם פּאַרקויפּער) העי, פּעטער! (דער פּאַרקויפּער האָט אָבער ניט געהערט און איז אַרויס; יונה וויל אים נאָכלויפן)

**יודבר:**

(לויפט שנעל אַריין, כאַפּט יונהן אָן פאַרן אַרבל) געכאַפּט!

**יונה:**

שייך געכאַפּט ?! כ׳בין דען אַנטלאָפן ?

**יודבר:**

ביסט אַנטלאָפן!

**יונה:**

אפשר פון אייך, פעטער?

**יודבר:**

פון גאָט ברוך הוא!

**יונה:**

זאָלט איר מיר געזונט זיין, רב ייד, וואָס זייט איר דאָס אייגנטלעך פאַר אַ גאָטס סטראַפּטשע, איך פרעג אייך?

יודבר:

וועסט אפשר זאָגן, אַז דו ווייסט נישט, ווער איך בין?!

יונה:

זאָל איך אַזוי וויסן פון שלעכטס!

יודבר:

איך בין יודבר!

יונה:

יודבר?

יודבר:

דער שליח פון וואָרט!

יונה:

פון וואָס פאַר אַ וואָרט?

יודבר:

(מיט אַ דונערדיקער שטימע) פון כביכולס, ברוך הוא וברוך שמו!

יונה:

(אַ ביסל פאַרלוירן) אמן! (גייט צו נעענטער, שטרעקט אויס די האַנט) שלום עליכם, רב יודבר!

יודבר:

עליכם שלום, יונה בן אמתי! דו שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס איך בין געקומען אַהער?

יונה:

אסור, רב יודבר!

יודבר:

(דונערנדיק) דו ווילסט אַנטלויפן קיין תרשיש!

יונה:

איך — אַנטלויפן קיין תרשיש?!

יודבר:

יונה, מאַך זיך נישט תמעוואַטע! וואָס דען טוסטו דאָ אין פאָרט פון יפו?!

יונה:

איך — אין פאָרט פון יפו? כ׳וויס? אפשר בין איך גאָר געקומען נעמען ים־בעדער?

יודבר:

יונה, זיי נישט קיין עזות־פּנים! ס׳איז געווען צו דיר דאָס וואָרט פון אויבערשטן, אַזוי צו זאָגן... (שטרענג) יאָ, צי ניין?!

יונה:

יאָ, רב יודבר, יאָ.

יודבר:

אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, גיי צו דער גרויסער שטאָט נגוה און רוף אויס אויף איר, וואָרום זייער שלעכטיקייט און די רציחות פון זייער וואַלפיש זיינען אויפגעגאַנגען פאַר מיר. אפשר ניט אַזוי?

יונה:

וואָרט אין וואָרט, רב יודבר! אַט פונקט, ווי איר וואַלט געשטאַנען דערביי.

יודבר:

איז פאַרוואָס פאַרסטו נישט קיין נגוה, פרעג איך דיך?! פאַרוואָס קלויבסטו זיך גאָר אַריבערצושמוגלען קיין תר־שיש?! ענטפער!

יונה:

(זיפצט ביטער) אוי, וויי, וויי!

יודבר:

וואָס מיינסטו זיך, וואָס?!... ס׳איז הפקר־פּיעטרושקע?! אַז ס׳איז געווען צו דיר דאָס וואָרט פון גאָט — איז פאַר־פאַלן! ביסטו אַ נביא!

יונה:

חס ושלום!

יודבר:

ביסט אַ נביא, זאָג איך דיר!

יונה:

חלילה!

יודבר:

וואָס?! ווילסט ניט זיין קיין נביא?! (יונה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) דו זאָגסט זיך אָפּ צו זיין אַ נביא?! (יונה שאָקלט מיטן קאָפּ נאָך ענערגישער) אדרבא, פאַרוואָס?

יונה:

כ׳וויל ניט, מען זאָל מיך האַלטן פאַר אַ נאַר.

יודבר:

(דונערנדיק) יונה, הער אויף דיינע לצנות!

יונה:

ס׳איז ניט קיין לצנות, רב יודבר. ס׳איז נעבעך דער ביטערער אמת. אַ שפּילכעלע, גיי הויב זיך אָן מיט נינוה! גיי הויב זיך אָן מיט נינוהס משחית — מיטן וואַלפיש, ימח שמו!

יודבר:

אָבער דערפאַר — וואָס פאַר אַ מצוה וועסטו פאַרדינגען?!

יונה:

מוחל! מוחל! כ׳האָב פיינט זיך צו מישן אין קהלשע גע־שעפטן.

יודבר:

און דאָס וואָרט, יונה?! און די געברענטע צרות, וואָס מען האָט אויסצושטיין?! דאָס אַרט דיך נישט?! אַז נינוה איז דאָך טויזנטער מאָל ערגער פאַר סדום! מילא סדום איז כאָטש געווען אַ פאַרוואָרפן שטעטל, ערגעץ אין אַ העק, און גרויס ווי אַ גענעץ. מ׳האָט געהאַט אַ ברירה נישט צו קומען אין די ד׳אמות פון די סדום־לייט און פטור! אָבער נינוה איז דאָך נינוה, אַ געוואַלטיק גרויסע שטאָט פון דריי טעג גאַנג, מיט אַ שם אויף דער וועלט! און די נינוהער רשעים זיינען דאָך אַזוי ביטער־שלעכט, אַז מיט זייער שלעכטיקייט ווילן זיי דווקא פאַרפּלייצן די גאַנצע ערד, חלילה!

יונה:

איך פרעג אייך, רב יודבר: פאַרוואָס איז דער גורל געפאַלן גראָד אויף מיר? ווי קום איך צו זיין אַ נביא?! ווי שיקט זיך עס גאָר צו מיר אַזאַ מין שליחות?! אַז איך בין מיר — אַ יונה פון אַ גאַנץ יאָר, אַ פּראָסטער שלוש־סעודות! נו גוט, לאָמיר זאָגן — כ׳וועל שוין גיין קיין נינוה, כ׳וועל שוין אויסרופן אויף די רשעים. איז וואָס, וועל איך זיי, מיינט איר, מאַכן פאַר צדיקים? הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן — גיכער וועלן זיי מיך מאַכן פאַר אַ בר־מינן. איז מילא, פאַר־

פאַלן, מען לעבט דאָך ניט אייביק. קאָן איך דאָך אָבער נאָך ברענגען, חס ושלום, נייע שלעק אויף אונדז!

יודבר:

אוי וויי, אַלץ פאַר אונדזערע זינד!

יונה:

זאָגט אַליין, רב יודבר: קאָן מען דען נויטן אַ מענטשן צו זיין א נביא? אַז איך וויל ניט! אַז איך קאָן ניט! מיינע אבות־אבותינו זיינען קיין נביאים ניט געווען און איך וויל אויך קיין נביא ניט זיין! קומט מיר עפּעס דערפאַר? איצט לויף איך ראַטעווען דעם נפש. אַז גאָט וועט געבן און ס'וועט זיך אַ ביסעלע איבערדרייען אויף דער וועלט און דער וואַל־פיש וועט איינגעמען א מיתה־משונה, וועל איך קומען צו־ריק אַהיים און דאַמאָלסט וועלן מיר זען. דערווייל פאָר איך קיין תרשיש.

יודבר:

ניין, יונה!

יונה:

(שוין אַ ביסל אין כעס) וואָס הייסט, ניין?

יודבר:

דו גייסט קיין ננוה.

יונה:

גייט אַליין קיין ננוה, אויב איר ווילט! איך פאָר קיין תרשיש.

יודבר:

יונה, דו פאָרסט ניט קיין תרשיש! דו גייסט קיין ננוה.

יונה:

קיין תרשיש, זאָג איך אייך!

יודבר:

קיין ננוה, זאָג איך דיר!

יונה:

פעטער, וואָס אייגנטלעך האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיינע יאָרן, פרעג איך אייך?!

יודבר:

דו וועסט מיך פאָלגן!

יונה:

אָטאָ שוין.

יודבר:

יונה, וועסט מיך הערן!

יונה:

ווי אין פּיכעוויטש די מגילה.

יודבר:

געדענק, יונה, דו וועסט חרטה האָבן, אָבער ס'וועט זיין שפּעט!

יונה:

נו, מילא. (שטרעקט אויס די האַנט) פאָרט געזונט, רב יודבר, און קומט געזונט אַהיים.

יודבר:

וואָס הייסט — פאָרט געזונט? איך פאָר נאָך נישט!

יונה:

איז פאָר איך.

יודבר:

דו פאָרסט אויך נישט!

יונה:

אַן אָנשיקעניש, רבונו של עולם!

יודבר:

אַן אָנשיקעניש?! דרך ארץ, שנעק דו! איך וועל דיך לערנען שטאַט! (יונה טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און וויל אַרויס־גיין, אָבער יודבר לויפט אים נאָך) פּאַוואָליע, ווערסט נאָך פון מיר ניט פּטור! (גייען ביידע אַרויס)

העראָלד:

(קומט אַריין) קענט איר שוין, הייסט עס, יונהן און יודברן. נישקשה פון פּאַרשוינען, האַ? איצט וועט איר זיך באַקענען מיט נייע צוויי העלדן, אָבער טאַקע מיט העלדן! זיי אַנטלויפן שוין ניט פון וואָלפיש, אָהאָ! אדרבה, זיי זיינען גרייט אים צו זוכן אין עק וועלט אפילו. (גיט אַ צייכן) קאָלעגן, זייט מוחל. (ס'קומען אַריין יונתן און יולקה, העראָלד גייט אַרויס)

יולקה:

אוי, יונתן!

יונתן:

וואָס איז, יולקה?

יולקה:

ס׳זאָל נאָר זיין גוט, יונתן!

יונתן:

(בייז) פאַרוואָס זאָל זיין שלעכט, יולקה?

יולקה:

אַ קלייניקייט — אַזאַ זאַך!

יונתן:

וואָס פאַר אַ זאַך ?! אַ גאָווינע דיר — אַראָפּנידערן אין ים ?!

יולקה:

וואָס רעדסטו מיר — ים, יונתן ?! ס׳איז דען ים ?!

יונתן:

וואָס דען איז דאָס — יבשה ?!

יולקה:

דאָס איז דאָך די צרה, וואָס ס׳איז ניט ים און ניט יבשה!

יונתן:

ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, יולקה?

יולקה:

וואָס וועסטו מיר זאָגן, יונתן?

יונתן:

כ׳וועל דיר זאָגן, יולקה, אַז דו געפעלסט מיר ניט.

יולקה:

נו, מילא איז אַ בראָך נאָך דער באָבען! וואָס מיינסטו, אַז דו געפעלסט מיר אפשר יאָ?

יונתן:

אַזוי גאָר ?!

יולקה:

דו געפעלסט מיר אויך ניט!

יונתן:

איז ברוך דיין צימעס! אויס שותפות!

**יולקח:**

(צופרידן) אויס איז אויס. (ווילֿ אַרויסגיין)

**יונתן:**

(כאַפּט אים אָן פאַר דער האַנט) שא, וואַרט נאָר, כאַפּ ניט! לויף נאָך ניט אַזוי! (שרייט) איך רוף דיך צו מענטשן!

**יולקח:**

צו מענטשן? זאָל זיין צו מענטשן.

**יונתן:**

איך רוף דיך צום רב!

**יולקח:**

זאָל זיין צום רב. זאָל זיין צו דער רביצן.

**יונתן:**

וועסט ביי מיר צאָלן קנס!

**יולקח:**

וואָס? מיינע וואָכעדיקע הויזן?

**יונתן:**

און אז איך וועל, אם ירצה השם, קומען צוריק מיטן איידל־שטיין, וועסטו האָבן קדחת, נישט קיין העלפט!

**יולקח:**

(זיפצט) אוי ווי!

**יונתן:**

קדחת מיט כשרע פּאָדעם! אמן! (פּויזע)

**יולקח:**

יונתן!

**יונתן:**

וואָס איז שוין ווידער, יולקח?

**יולקח:**

איך זע דאָך — ס'איז מסתמא באַשערט, מיר זאָלן מאַכן דאָס געשעפט בשותפות.

**יונתן:**

איך האָב פיינט מענטשן, וואָס ווייסן נישט, וואָס זיי ווילן!

**יולקח:**

גיי שוין, גיי! מאַלע וואָס שותפים צעווערטלען זיך אַמאָל!

יונתן:

מען וואָלט געקאָנט מיינען — דאָס ערשטע מאָל לאָזטו זיך זוכן אַן אוצר!

יולקח:

דאָס ערשטע מאָל, כאַ־כאַ־כאַ! דעם אוצר פון ירבעם בן נבט, געדענקסטו? דאָס האָב איך אים דאָך געזוכט!

יונתן:

און דעם אוצר פון אשמדאי געדענקסטו? דאָס האָב איך אים געזוכט!

יולקח:

שא, און דעם אוצר פון לבן־הארמי?!

יונתן:

נו, און דעם אוצר פון דער מלכה־שבא?! (לאַכן ביידע פון גרויס פאַרגעניגן, אָבער ווערן ביסלעכווייז אומעטיק)

יולקח:

יונתן, דו האָסט שוין אַמאָל עפּעס געפונען?

יונתן:

ווי זאָל איך דיר זאָגן? דערווייל נאָך נישט. און דו, יולקח?

יולקח:

אוי, איך נאָך אויך נישט.

יונתן:

ניט געדאגהט — דאָס מאָל האַלטן מיר אים! וואָס הייסט, דער תנא רב מאיר וועט זאָגן ליגן?! (מיט אַ גמרא־ניגון) אמר רב מאיר, האָט רב מאיר געזאָגט... רב מאיר האָט געזאָגט, אַז אין בויך פון וואַלפיש געפינט זיך אַן איידלשטיין, וואָס טוט אַרויסגעבן פון זיך אַ שיין, ווי די לבנה מיט די שטערנס אינאיינעם. און גרויס איז דער דאָזיקער איידלשטיין, אַז מען דאַרף האָבן אַזש צוויי מענטשן אים צו טראָגן!

יולקח:

אַזש צוויי מענטשן?!

יונתן:

חכם פון מה נשתנה! ווען מען וואָלט ניט געדאַרפט קיין צוויי, ברויך איך דיך האָבן צום עסק?! פאַר איך אַליין! דיין גליק וואָס מען דאַרף צוויי!

יולקח:

(זיפצט) אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט איין חסרון.

יונתן:

שוין ווייטער חסרונות ?!

יולקח:

כ'מיין — וואָס דער איידלשטיין ליגט ביים וואַלפיש אין בויך.

יונתן:

ווו האָסטו געוואָלט, עס זאָל ליגן אַזאַ גרויסער איידלשטיין ?! אפשר ביי דיר אין וועסטל־קעשענע ?!

יולקח:

אַ קלייניקייט ?! מען דאַרף אַריינקריכן אין סאַמע בויך אַריין !

יונתן:

עט ! אַ ייד גיט זיך אומעטום אַן עצה ! אויף מיר אַזאַ יאָר, סאַראַ אוצרות מען קאָן געפינען אפילו ביים וואַלפיש אין בויך. איך האָב שוין אָנגעגרייט אַלץ, וואָס מען דאַרף. אַ גומענעם שיפל, טויכערס, שטריק, טשוועקעס — אַלץ ! גלייך ווי מיר וועלן דערזען אויפן ים דעם וואַלפיש, לאָזן מיר זיך אַראָפּ אויף אונדזער שיפל און שווימען צו צו אים, אָבער אַזוי — פון הינטן אַרום.

יולקח:

נו ?

יונתן:

נו ! און אַז מיר וועלן צושווימען האַרט צום וואַלפיש, וועלן מיר זיך טאָן אַ כאַפּ אַרויף אויף אים און וועלן אים בינדן.

יולקח:

און טאָמער... טאָמער לאָזט ער זיך ניט בינדן ?

יונתן:

וואָס הייסט — ער'ט זיך ניט לאָזן ?! פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט לאָזן ?! בהמה, מירן דאָך אָנקומען פון הינטן ! ער וועט אונדז דען זען ?! די ערשטע זאַך בינדן מיר אים די שווימפעדערן ! וועט ער בלייבן שטיין — יאַק סטאַי, ניט צו רירן זיך פון אָרט ! (לאַכט צופרידן) איך האָב מיר שוין אַלץ גוט אָפּגעמאַכט !

יולקה:

נו און ווייטער?

יונתן:

אַז דער וואַלפיש וועט זיין געבונדן הענט און פיס, וועלן מיר אים עפענען דאָס מויל און...

יולקה:

און טאָמער וועט ער ניט וועלן עפענען דאָס מויל?

יונתן:

בהמה! ווען מען וועט אים געבן אַ קיצל, ער זאָל לאַכן, וועט ער עפענען דאָס מויל! געהערט, אַ מענטש זאָל שטענדיק ריידן יענעם אין דער גאַל אַריין?! רבונו של עולם! (באַרויאיקט) מיר וועלן עפענען דעם וואַלפיש דאָס מויל און אַריינשטעקן צווישן די ציינער אַ גרויסן פלאָקן.

יולקה:

און טאָמער...

יונתן:

(לאַקריצדיק זיס) טאָמער וואָס, יולקה?

יולקה:

טאָמער יונתן... (באַטראַכט זיך) טאָמער, חלילה, שלינגט דער וואַלפיש איין דעם פלאָקן?

יונתן:

(אויסער זיך) ווי אַזוי וועט ער אים איינשלינגען, אַז דער פלאָקן וועט שטיין פּאָפּערעק?! קום נאָר אַהער! (יולקה גייט צו) גיב אַ שוועבעלע! (יולקה גיט) אַנו, ווייז נאָר אָקאָרשט אַהער דעם פיסק דיינעם! (גיט אים אַ צעפּן דאָס מויל און שטעלט אַריין אַ שוועבעלע צווישן די ציין) אדרבא, פּרווו אַראָפּשלינגען די שוועבעלע! נו? ס'איז דאָך אַ שוועבעלע, ניט קיין פלאָקן! (יולקה וויל עפּעס זאָגן, קאָן ניט. מאַכט משונהדיקע קולות; יונתן האַלט אים צו די הענט, לאָזט ניט אַרויסנעמען די שוועבעלע) נו, וואָס?! איצט פאַרשטייסטו שוין, יולקה?

יולקה:

(וואָס האָט לסוף אַרויסגענומען די שוועבעלע) איצט פאַרשטיי איך שוין, יונתן, איצט פאַרשטיי איך שוין.

**יונתן:**

אַבי דו פאַרשטייסט ! און אַז דער וואלפיש וועט ליגן אַ געבונדענער, ווי אַ קעלבל, מיטן פלאָקן צווישן די ציינער — איז שוין דאָס איבעריקע אַ קינדער־שפּיל. איך טו אַן דעם טויכער און דורכן צעעפנטן מויל, לאָז איך מיך אַראָפּ אין בויך אַריין. ממה נפשך (מיט אַ גמרא־ניגון) איז אין וואלפישס בויך פאַראַן אַ געַרוימער אַלקער, ווי די גמרא זאָגט, איך דאַך מה־טוב! בין איך דאַך אויף דער יבשה! אלא ווען ניט, דאָרט איז כולו אינגעווידן מיט פליסיקייטן — איז מילא, שווים איך ! כ׳זוך מיר אויס דעם איידל־שטיין, בינד אים אַרום מיט שטריק פון אַלע זייטן, גיי מיר צוריק אַרויס דורכן אָפענעם פּיסק און מיר שלעפן אַרויס דעם איידלשטייןביידע צוזאַמען, פאַר די שטריק. נו, האָסט שוין לסוף פאַרשטאַנען ? !

**יולקה:**

אוודאי האָב איך פאַרשטאַנען ! ס׳איז אַזאַ גרויסע חכמה ?

**יונתן:**

געלויבט איז דער אויבערשטער ! נו, קום שוין, קום ! אַ סוף ! די שיף וועט ניט וואַרטן אויף אונדז. (שטילער) פאַרגעס ניט — מיר זיינען צידונים און ניט קיין אחינו !

**יולקה:**

כ׳ל ניט פאַרגעסן. פאַרוואָס זאָל איך פאַרגעסן ? (גייען ביידע אַרויס)

**העראָלד:**

(קומט אַריין) כ׳האָב אייך געזאָגט, האַ ? העלדן, גבורים ! איי וואָס ? (טייטלט אויפן שטערן, מיט אַ באַוועגונג, וואָס גיט קלאָר צו פאַרשטיין, אַז ביי די אַרויסגעגאַנגענע איז דער מוח עפּעס ניט אינגאַנצן אין אָרדענונג) נו, מילא. יעדער האָט זיך זיין שטיקעלע משוגעת. אַלץ גלייכער, ווי אָט דער בעל־דבר. (ווייזט אָן אויפן פּאַרקויפער, וואָס קומט אַריין)

**פּאַרקויפער:**

ים־קאָטערס קעגן שיפּברוך ! כשרע קמעות קעגן וואלפיש !

**העראָלד:**

(אין דער שטיל) כ׳האָב פאַרגעסן אייך אים פאָרצושטעלן. דאָס איז אַ שאַלקהאַפטער מאַן !

**פּאַרקויפֿער:**

(האָט דערהערט) ווער?! איך?!

**העראָלד:**

וואָס פֿעלט דיר איין?!

**פּאַרקויפֿער:**

קאָלעגע העראָלד, איך צי מיך גלייך אַרויס פֿון עסק!

**העראָלד:**

ווי קומט!

**פּאַרקויפֿער:**

בלייבסט ביי מיר באַלד אָן אַן אינטריגאַנט און אָן אַ פֿאַרעטער!

**העראָלד:**

ווערסט עס נישט טאָן, קאָלעגע!

**פּאַרקויפֿער:**

געדענק, נאָך איין וואָרט טאָמער הער איך פֿון דיר! (דער העראָלד קוועטשט מיט די אַקסלען) גיי, הייס אַריינקומען דעם קאַפּיטאַן. (העראָלד גייט אַרויס) שפּרוכן קעגן בייזע ווינטן! שיר־המעלותן קעגן שטורעמס אויפֿן ים! (עס קומט אַריין דער קאַפּיטאַן) העלאָ, קאַפּיטאַן!

**קאַפּיטאַן:**

העלאָ!

**פּאַרקויפֿער:**

(לויפֿט צו אים צו) האַר קאַפּיטאַן — אַ געשעפֿטל!

**קאַפּיטאַן:**

האַ?

**פּאַרקויפֿער:**

אַ יונגה!

**קאַפּיטאַן:**

טפֿו!

**פּאַרקויפֿער:**

וויל פֿאָרן קיין תרשיש!

קאַפּיטאַן:

הם!

פּאַרקויפער:

איך בין דער מעקלער!

קאַפּיטאַן:

נו?

פּאַרקויפער:

פאַר מיין טרחה — פופציק פּראָצענט.

קאַפּיטאַן:

וואָס?!

פּאַרקויפער:

פערציק.

קאַפּיטאַן:

פאַרך!

פּאַרקויפער:

פינף און צוואַנציק.

קאַפּיטאַן:

צען!

פּאַרקויפער:

סטייטש, האַר קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן:

פון וואלפיש קריגסטו באַזונדער!

פּאַרקויפער:

און איר, האר קאַפּיטאַן, איר קריגט דען ניט פון וואַלפיש?

קאַפּיטאַן:

האַלט ס'מויל! (פויזע) פופצן.

פּאַרקויפער:

זאָל שוין מיינס איבערגיין!

קאַפּיטאַן:

דו ווערסט אָנזאָגן ווו מען דאַרף?

פאַרקויפער:

(מיט אַ פרומען זיפץ) זאָל זיין איך.

קאַפּיטאַן:

שיק אַריין דעם העכט!

פאַרקויפער:

(גייט אָפּ אין אַ זייט, מאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, עס קומט אַריין יונה; דער פאַרקויפער ווייזט אים אָן אויפן קאַפּיטאַן) דאָס איז ער. כ׳האָב שוין גערעדט מיט אים. גייט, קומט דורך. דאָס איז די אָרנטלעכקייט אַליין. איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. גייט, גייט. (אַרויסגייענדיק) כשרע קמעות קעגן וואלפיש! שיר־המעלותן קעגן שטורעמס! (גייט אַרויס)

יונה:

(גייט צו צום קאַפּיטאַן, טראַכט אַ ווײַלע, רופט זיך אָן) האַר קאַפּי־טאַן! (דער קאַפּיטאַן טוט אַ בורטשע און הויבט אויף די אויגן; יונה פאַרנויגט זיך זייער העפלעך און שטעלט זיך פאָר) יונה בן אמתי.

קאַפּיטאַן:

כאַפּט דער רוח אַלע יונהס! (לאַכט צופרידן)

יונה:

(מאַכט זיך ניט הערנדיק) איר פאָרט קיין תרשיש, האַר קאַפּיטאַן?

קאַפּיטאַן:

קיין תרשיש.

יונה:

הערט אַ מעשה! איך פאָר אויך קיין תרשיש! (לאַכט) אפשר פאָרן מיר גאָר צוזאַמען?

קאַפּיטאַן:

צוזאַמען?!

יונה:

כ׳מיין, אפשר נעמט איר מיך אויף אייער שיף?

קאַפּיטאַן:

איך האָב ניט ליב צו פירן יונהס אויף מיין שיף!

יונה:

נו, מילא, וואָס הייסט?! ווער האָט דען יאָ ליב צו פירן

יונהס ? פונדעסטוועגן פירט מען ! אַלע פירן ! מען קומט דורך ! איז, האַר קאַפּיטאַן — מה יקר ?...

**קאַפּיטאַן :**

די יונהס פאַרמאָגן אַ סך געלט !

**יונה :**

עט, אַ סך געלט !

**קאַפּיטאַן :**

געלט און גאָלד !

**יונה :**

גאָלד ?!

**קאַפּיטאַן :**

גאָלד ! אימפּעריאַלן ! טאָלערס !

**יונה :**

איר מיינט, האר קאַפּיטאַן, מען דאַרף עס אַלץ אַזוי גלויבן, וואָס מען דערציילט ?

**קאַפּיטאַן :**

פאַר דיר וועט קאָסטן... (וואַקלט זיך) צען רענדלעך גאָלד...

**יונה :**

צען רענדלעך גאָלד ?!

**קאַפּיטאַן :**

און צוואַנציק שקלים זילבער !

**יונה :**

(אויסער זיך) און צוואַנציק שקלים זילבער ?! (פּויזע) און פאַר מיין ווייב ?

**קאַפּיטאַן :**

צען רענדלעך גאָלד און צוואַנציק שקלים זילבער !

**יונה :**

און פאַר מיין שוויגער ?

**קאַפּיטאַן :**

צען רענדלעך גאָלד און צוואַנציק שקלים זילבער !

**יונה :**

(פאַלט אַזש אַוועק) דרייסיק רענדלעך גאָלד און זעכציק שקלים זילבער ?! מען קען דאָך באַלד פאַרן געלט קויפן דריי שיפן !

קאַפּיטאַן:

נו, איז וואָס ?! שטעל איך אפשר ניט איין מיין שיף פאַר יעדערן באַזונדער ?! און דאָס לעבן אויף אַ צולייג נאָך! טפו! כ׳האָב פיינט צו טאָן מיט יונהס! ניט — איז ניט! בלייבט דאָ זיצן און וואַרט אויפן וואלפיש! (וויל אַרייסגיין)

יונה:

(כאַפּט אים אָן) חלילה, האַר קאַפּיטאַן! איך האָב דען עפּעס געזאָגט ?!

קאַפּיטאַן:

האָסט נאָך געדאַרפט זאָגן, וואָס ? אויב דו ווילסט פאָרן, איז ניט געשלאָפן! מיר הויבן באַלד דעם אַנקער! און די ממתקים — גלייך אויפן האַנט! (גייט אַרויס)

יונה:

(אַליין, זיפצט שווער, טראַכט) דרייסיק רענדלעך גאָלד און זעכציק שקלים זילבער...

יווינעכע:

(רוקט אַריין פאַרזיכטיק דעם קאָפּ; רופט שטיל) יונה!

יונה:

אַ, דאָס ביסטו, מיין ווייב?

יווינעכע:

(גייט צו צו אים) נו?

יונה:

אַ שיף האָב איך געפונען.

יווינעכע:

געלויבט דער אויבערשטער! איז ווען פאָרן מיר?

יונה:

דאָס ווייסט איין גאָט אין הימל.

יווינעכע:

וואָס איז ?!

יונה:

דער קאַפּיטאַן הייסט זיך באַצאָלן דרייסיק רענדלעך גאָלד און זעכציק שקלים זילבער.

יווינעכע:

אוי! (פויזע) יונה, זאָלן מיר אפשר פאַרקויפן די צירונג?

יונה:

(טראַכט אַ ווײַלע; מיט באַדויערן) אַ שאָד דײַנע פּערל.

יוינעכע:

אַ כפּרה מײַנע פּערל!

יונה:

(מיט באַדויערן) און דײַנע אויערינגלעך...

יוינעכע:

אַ כפּרה די אויערינגלעך! אַז גאָט וועט וועלן, יונה, וועסטו מיר קויפן אַנדערע צירונג.

יונה:

נעם אויך מײַן גאָלדענעם זייגער.

יוינעכע:

(מיט באַדויערן) דײַן חתן־מתנה, יונה!

יונה:

נעם, נעם, מײַן ווײַב! טראָג פאַרקויפן. די שיף גייט באַלד אָפּ.

יוינעכע:

איך לויף גלײַך.

יונה:

לאָז פריער אָפּשאַצן די צירונג. מען וועט דיר זיכער ניט געבן אַזוי פיל, וויפל מיר דאַרפן.

יוינעכע:

כ׳וועל פּרוּוון. (גייט שנעל אַרויס)

יונה:

(אַליין) פאַרפאַלן. אפשר איז באַשערט, איך זאָל טאַקע גיין קיין נינוה.

יוינאָווע:

(קומט אַרײַן באַלאָדן מיט פּעק; רעדט מיט אַ קלאָג־ניגון) אוי ווײ איז מיר, יונה! אוי ווינד איז מיר, יונה!

יונה:

וואָס איז, שוויגער־לעבן?

יוינאָווע:

אוי, וואָס פרעגסטו, יונה, וואָס פרעגסטו?! אַזאַ שטורעם־ווינט! אַזאַ בייזער וואלפיש! אַזאַ סכנה צו פאָרן אויפן ים!

יונה:

נו, שוין, שוויגער, איר קאָנט זיין רואיק. מיר פאָרן ניט.

יוינאָווע:

מיר פאָרן ניט ?!

יונה:

מסתמא — ניין.

יוינאָווע:

(מיטן ניגון) אוי וויי איז מיר, יונה! אוי ווינד איז מיר, יונה!

יונה:

וואָס איז נאָך, שוויגער ?

יוינאָווע:

אוי, וואָס פרעגסטו, יונה, וואָס פרעגסטו ?! אַזעלכע שטורעמדיקע צייטן! אַזאַ בייזער וואַלפיש! אַזאַ סכנה צו בלייבן אויף דער יבשה !

יונה:

זאָלט איר מיר געזונט זיין, שוויגער ! אויפן ים איז ביי אייך אַ סכנה, אויף דער יבשה — אַ סכנה !

יוינאָווע:

וואָס זשע מיינסטו, יונה? אַ קראַנקן, אויף וועלכער זייט מען לייגט אים, טוט אים נעבעך וויי.

יודבר:

(באַווייזט זיך פלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס; רופט מיט אַ דונערנדיקער שטימע) צום לעצטן מאָל, יונה בן אמתי: גיי קיין ננוה !

יוינאָווע:

(טוט זיך אַ ריס אויף) וואָס ?! (צו יוגהן) ווער איז דער ייד ?!

יונה:

אַ ייד.

יוינאָווע:

דאָס זע איך דאָך, אַז ער איז אַ ייד ! איך פרעג דיך, ווער איז דער ייד! (יונה קוועטשט מיט די אַקסלען, ענטפערט ניט; יוינאָווע גייט מיט אַ דראָענדיקער מינע צו יודברן) רב ייד, ווער זייט איר ?!

יוזבר:

(צוריקציִענדיק זיך) איך ?!

יוינאָווע:

וואָס האָט איר זיך צו מישן אין פרעמדע געשעפטן, פרעג איך אייך ?! יונה פאָרט קיין תרשיש ! ניט אמת, יונה ?! קיין תרשיש, הא ? קיין תרשיש !

יונה:

(חזרט, ווי אַן אויטאָמאַט) קיין תרשיש... קיין תרשיש...

יוינאָווע:

וואָס זאָגט איר, האַ ?! קיין תרשיש !

יודבר:

(שטאַמלט) ס׳איז אָבער געווען... דאָס וואָרט... אַזוי צו זאָגן... (און פלוצלונג, ווי האָבנדיק אָנגענומען אַן איבערמענטשלעכן באַשלוס, צעשרייט זיך מיט אַ דונער־קול) קיין נגוה! קיין נגוה!

יונה:

(חזרט ווי פריער) קיין נגוה... קיין נגוה...

יוינאָווע:

(האָרט ביי יודברן, באַמיט זיך אים איבערצושרייען) קיין תרשיש !

יוינעכע:

(גייט אַריין, גייט שנעל צו יונהן) יונה !

יונה:

נו ?

יוינעכע:

אינגאַנצן צוועלף רענדלעך !

יונה:

איך האָב געוווסט. ס׳וועט ניט קלעקן. (הויך) מיר פאָרן ניט קיין תרשיש ! (נעמט די פעק און לאָזט זיך גיין)

יודבר:

(מיט טריומף) געלויבט איז זיין ליבער נאָמען !

יוינאָווע:

געוואַלד, מיין שלאַף האַרץ ! (וואַקלט זיך)

יוינעכע:

מאַמע ! (האַלט זי אונטער)

יונה:

(לאזט פאַלן די פעק) שוויגער־לעב! שוויגער!

יוינאָווע:

אוי, איך שטאַרב! קינדער, פאַרוואָס פאָרט מען ניט קיין תרשיש?

פאַרקויפער:

(לויפט אַריין) וואָס?! איר פאָרט ניט?!

יוינעכע:

מיר האָבן ניט גענוג געלט.

יוינאָווע:

ניט גענוג געלט?!

יוינעכע:

עס פעלן אונדז צען רענדלעך גאָלד.

פאַרקויפער:

זאָל ער אַראָפּלאָזן פון פרייז, דער קאַפּיטאַן! (לויפט אַרויס)

יוינאָווע:

וואָס טוט מען?! וואָס מאַכט מען?! (קלערט אַ ווײַלע, וואַרפט זיך פלוצלונג צו יודברן) רב ייד, באָרגט אונדז צען גילדערנע רענדלעך!

יודבר:

(קאָן אַזש ניט ענטפערן פון אומגעריכטקייט) איך?!

יוינאָווע:

האָט רחמנות, רב ייד! האָט רחמנות אויף אַ וויסטע אלמנה! איך וועל אייך אָפּגעבן מיט פּראָצענט! איר קאָנט מיר טרויען, רב ייד! מיין זיידע איז געווען אַ רב. מיין טאַטע איז געווען אַ דיין, מיין מאַן איז געווען חזן־שוחט! געוואַלד, באָרגט דאָס געלט! (אַ פייף פון אַ שיף־גזלן!

יודבר:

אַז... אַז...

פאַרקויפער:

(לויפט אַריין) שוין רעכט! מיט מזל אָפּגעמאַכט. שנעלער אויפן שיף!

יוינעכעס:

גיי יונה. איך לויף נעמען ס׳געלט. (לויפט אַרויס, יונה כאַפּט ווידער די פּעק און לויפט, ניט אומקוקנדיק זיך)

יודבר:

(שרייט אים נאָך) יונה, געדענק! כ׳וועל דיך ניט אָפּלאָזן אויף אַ פּוסטריט!

יוינאָזע:

(ווידער האָפּערדיק) פּעטער, איר פאַרמאַכט דאָס מויל, צי איר ווילט, איך זאָל עס אייך פאַרמאַכן? (לויפט אַרויס, יודבר נאָך איר)

פּאַרקויפער:

(אַליין) איין יונה מיט צוויי יוינעכעס... קיין תרשיש, כע־כע־כע!.. (און מיט זיין געוויינלעכן ניגון) ים־קאָטערס קעגן בייזעווינטן! כשרע קמעות קעגן וואַלפיש! (גייט אַרויס)

העראָלד:

(קומט אַריין) ווייסט איר שוין, הייסט עס, חשובע דאַמען און קאַוואַלירן, ווער עס פאָרט און ווו מען פאָרט. איצט וועט איר זען, ווי אַזוי מען פאָרט. אוי וויי, וואָס דאָ וועט זיך עס טאָן!

קאַפּיטאַן:

(לויפט אַריין) צו אַלדע רוחות, העראָלד, ווי לאַנג נאָך וועט מען דאָ שטיין אין פּאָרט און שלאָפן?!

העראָלד:

טאַקע קאַפּיטאַן, מען דאַרף פאָרן. דער ווינט בלאָזט פון מערב.

קאַפּיטאַן:

פאָרן — כאַ!... נו, און די שיף?!

העראָלד:

גערעכט. זיי מוחל, קאַפּיטאַן.

(זינגט) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין

טייערער אָקרענט, דו מיין

(מוזיק; די שיפסלייט פירן אַריין אַ זעגלשיף)

קאַפּיטאַן:

שיפסלייט, גרייט מאַכן דעם אַנקער! רודער־מייסטער, צום

רודער ! זעגל־מייסטער, צו די זעגלען ! פאַסאַזשירן —
אַריין ! (ס׳באַווייזט זיך, מיט אַ געפילדער, אַ מחנה פאַסאַזשירן)
שטיין בלייבן, דער רוח כאַפּט אייך ! ניט אַלע מיט אַ מאָל !
און שטיל זאָל מיר זיין ! (ס׳ווערט שטיל) קאָלעגע העראלד,
מאַך אָרדענונג, זיי מוחל. די מאַנשאַפט איז פאַרנומען.
לאָז אַריין מאַן נאָך מאַן און זיי גוט בודק די פּראַשפּאַרטן.

הערָאלד:

גוט, קאַפּיטאַן ! (הויבט אָן אַריינלאָזן, קוקט די פּראַשפּאַרטן, רופט)
איין ארמי, איין ארמיכע, נאָך אַן ארמי און נאָך אַן
ארמיכע !

קאַפּיטאַן:

פיר ארמים, פיר לצים — אַריין !

אלע:

אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע לצים, דו מיין

הערָאלד:

איין אדומי, איין אדומיכע, נאָך אַן אדומי און נאָך אַן
אַדומיכע !

קאַפּיטאַן:

פיר אַדומים, פיר מחבלים -- אַריין !

אלע:

אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע מחבלים, דו מיין

הערָאלד:

איין מצרי, איין מצריכע, נאָך אַ מצרי, נאָך אַ מצריכע
און אַ מצרוק אויף אַ צולייג !

קאַפּיטאַן:

פינף מצרים, פינף מכשפים — אַריין !

אלע:

אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע מכשפים, דו מיין

הערָאלד:

צוויי צידונים, אַ בבלי, אַן אשורי, אַ פלשתי !

קאַפּיטאַן:

דאָס ביסל שאר־ירקות — אַריין!

אלע:

אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע שאר־ירקות, דו מיין

העראָלד:

און איצט, קאָלעגע קאַפּיטאַן, און איר, קאָלעגן שיפּסלייט, פאַרמאַכט, זייט מוחל, אַלע די אויגן — עס דאַרף זיך אַריינ־כאַפּן דאָס ביסל אחינו.

קאַפּיטאַן:

(באַפעלט) פאַרמאַכן די אויגן, אַלע, דער רוח כאַפּט אייך דאָרט! (אַלע פאַרמאַכן די אויגן; עס שלייכן זיך שנעל אַריין יונה, יוינעכע, יוינאָוועו און, הינטער זיי, ווי אומבאַמערקט, יודבר)

העראָלד:

שוין, קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן:

(עפנט די אויגן) פאַרטיק?

העראָלד:

פאַרטיק.

קאַפּיטאַן:

(מיט דראָונג) ניטאָ אַמאָל קיין יהודים אויף דער שיף?!

העראָלד:

אפילו ניט אויף אַ רפואה!

קאַפּיטאַן:

איז רעכט. (באַפעלט) עפענען די אויגן, אַלע! (אַלע עפע־נען די אויגן) זעגל־מייסטער, אָנשטעלן די זעגלען! רו־דער־מייסטער, ריכטונג דרום־מערב! מאַנשאַפט, אויפהויבן דעם אַנקער! (די באַפעלן ווערן אויסגעפירט) העראלד!

העראָלד:

האר קאַפּיטאַן?

קאַפּיטאַן:

נו?!

העראָלד:

וואָס — נו?

קאַפּיטאַן:

און דער ים ?!

העראָלד:

(צעלאַכט זיך) א, עיקר שכחתי! אָט שפּרייט איך דעם ים, קאַפּיטאַן. (שפּרייט; דעקלאַמירט מיט שטיפערישער געהויבנקייט)

שפּרייט זיך ים און צעשפּרייט
ווייט און ברייט, ווייט און ברייט
און צעכוואַליעט, צעשפּילט
און אין זון איינגעהילט
שפּרייט זיך ברייט, שפּרייט זיך ווייט
פאַר די פריילעכע לייט

אַ גליקלעכע רייזע, קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן:

אַ דאַנק, העראָלד. (דער העראָלד גייט אַרויס; דער קאַפּיטאַן באַפעלט) מאַנשאַפט, יאַזדאַ — האָפּ! מיר פאָרן!

אלע:

(זינגען) מיר פאָרן, מיר פאָרן
צו אַלדע גוטע יאָרן
אַהער און אַהינגען
פון ערגעץ צו אַנטרינען
מיר פאָרן, מיר פאָרן
צו אַלדע גוטע יאָרן
מיר איילן דורך ימען
דאָס גליק ניט צו פאַרזאַמען

מצריכע:

(פּלוצלונג) אוי, געוואַלד!

מצרי:

הויבסט שוין אָן דיינע שטיק, האַ ?!

מצריכע:

ס'האָט זיך מיר עפּעס... אַזוי ווי... אָפּגעריסן די קישקעס אין בויך...

מצרי:

די קישקעס אין בויך, כאַ־כאַ־כאַ! (צעלאַכט זיך, רייסט פּלוצלונג איבער, כאַפּט זיך פאַרן האַרצן) אוי! (פון אַלע זייטן הערן זיך געשרייען; די זעגלען אין הינטערגרונט הויבן זיך אָן שטאַרק צו וויגן)

אדומי:

זעט נאַר, זעט! אונדזער שיף, כע־כע! זי גייט דאָך ווי אַן אמתער שכור!

קאַפּיטאַן:

ביסט אַליין אַ שכור, פאַרשאָלטענער אדומי! זעסט ניט, אַז עס בושעוועט אַ שטורעם אויפן ים?!

שטימען:

— אוי, אַ שטורעם!

— וויי איז אונדז!

— זעט נאַר, ווי די שיף האָט זיך צעטאַנצט!

(די זעגלען וויגן זיך, ווי אויף אַ קאַרוזעלע, מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען, שטעלן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ; די פּאַסאַזשירן פאָלגן נאָך די באַוועגונגען מיט פחד, די פרויען שרייען היסטעריש)

קאַפּיטאַן:

שטיל זאָל זיין, דער רוח כאַפּט אייך! (פלוצלונג) אוי! (די שיף האָט זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ; אַ בליץ שניידט דורך די לופט און אַ דונער צעקנאַלט זיך מעכטיק; אין דער טויטער שטילקייט, וואָס איז צוגעפאַלן, הערט זיך בלויז די שטים פון יודברן)

יודבר:

(פרום) שכוחו וגבורתו מלא עולם!

אלע:

אמן! (די שיף גלייכט זיך תיכף אויס)

קאַפּיטאַן:

טפו זאָל דאָס ווערן! אַזוינס האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען! שוין פינף און דרייסיק יאָר, ווי איך פאָר אויף אַלע ימים, אָבער אַז אַ שיף זאָל פראַווען אַזעלכע פוילע שטיק — ניין! דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק! ניט אַנדערש, עס שטעקט אין דעם אַ כשוף! (שפּייט אויס) די מצרים — איין מכשף גרעסער פאַרן צווייטן! און די צידונים — אויך כשופמאַכער אַלע! (אַ נייער קנאַל פון אַ דונער, די שיף צע־וויגט זיך מוראדיק און שטעלט זיך אויפסניי מיטן קאָפּ אַראָפּ)

שטימען:

— די שיף גייט אונטער!

— מיר טרינקען זיך!

— קאַפּיטאַן, טוט עפּעס!

— ראַטעוועט, קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן:

זעגל־מייסטער, אַראָפּלאָזן די זעגלען! רודער־מייסטער, רודערן אויפן אָרט! מאַנשאַפט, פאַרזיכטיק — דער אַנקער זאָל זיך ניט אָפּרייסן! (די באַפעלן ווערן אויסגעפירט; אַ דונער צעקנאַלט זיך ווידער)

שמעון:

— מיר זיינען פאַרלוירן!

— קאַפּיטאַן, ראַטעוועט!

— רחמים, קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן:

צו אַלדע שוואַרצע יאָר דאָרט! וואָס פאַר אַ רחמים בעט איר ביי מיר?! בעט רחמים ביי אייערע געטער, דער רוח כאַפּט זיי! נאָך אַ פאָר אַזעלכע כוואַליעס און מיר זיינען אָפּגעפאָרן! (די ווייבער הויבן אָן נאָך שטאַרקער צו קלאָגן)

שמעון:

— לאָמיר בעטן גאָט!

— לאָמיר טאָן תפילה!

מצרים:

(שטעלן זיך אויף, נויגן זיך, בוקן זיך) פּטאַה, פּטאַה! (די יידן שפּייען אויס) ביסט אַ גרויסער גאָט, ביסט אַ קלוגער גאָט, ביסט אַ באַרמהאַרציקער גאָט! דיינע טאַטעס און מאַמעס, דיינע ווייבער און קינדער זיינען גרויסע געטער, קלוגע געטער, באַרמהאַרציקע געטער! שטעל אָפּ דעם שטורעם, פּטאַה, שטיל איין דעם ים! (אַ קנאַל פון אַ דונער, די שיף טוט זיך אַ וויג, די מצרים פאַלן אום; די אַרמים לאַכן סאַרקאַסטיש)

אַרמים:

אייער פּטאַה איז אַן אייזל־קאָפּ, דאָס איז ער! (שטעלן זיך אויף, נויגן זיך, בוקן זיך) אַרם, אַרם! (די יידן שפּייען אויס) ביסט אַ גרויסער גאָט, ביסט אַ קלוגער גאָט, ביסט אַ באַרמהאַרציקער גאָט! מירן לקחנען פאַר דיר גאָלד, מירן לקחנען פאַר דיר זילבער, מירן דיך אָנטאָן אין פּערל און אין בריליאַנטן! שטעל אָפּ דעם שטורעם, אַרם, שטיל איין דעם ים! (אַ קנאַל פון אַ דונער, די שיף טוט זיך ווידער אַ וויג, די אַרמים פאַלן אום; די אדומים לאַכן סאַרקאַסטיש)

אדומים:

אייער אָרם איז ניט מער ווי אַ פערדן־קאָפּ, דאָס איז ער! (שטעלן זיך אויף, נויגן זיך, בוקן זיך) בעל, בעל! (די יידן שפּייען אויס) ביסט אַ גרויסער גאָט, ביסט אַ קלוגער גאָט, ביסט אַ בּאַרמהאַרציקער גאָט! מירן דיר געבן פעסער וויין צו טרינקען, און בראָנפן, און אָקעוויט! שטעל אָפּ דעם שטורעם, בעל, שטיל איין דעם ים! (אַ נאָך שרעקלע־כערער קנאַל פון אַ דונער, די אדומים פאַלן אום; די שיף שטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ; קולות)

קאַפּיטאַן:

וואַרפט אין ים אַריין אייער געפעק, אויב איר ווילט ראַ־טעווען דעם נפש!

שטימען:

— וואַרפט אין ים!

— וואַרפט אַלץ!

(אַלע טוען זיך אַ לאָז צו יונהס פעק)

יזינאָווע:

(לאָזט ניט נעמען, ווערט זיך) וואָס עפּעס אונדזערע נאָר?!

שטימען:

— וואָס עפּעס זייערע — זי פרעגט נאָך! (אַ וואָרף אַ פּעקל אין ים)

— זי מיינט, מיר ווייסן ניט, ווער זיי זיינען! (אַ וואָרף אַ פּעקל)

— זי מיינט, מיר קענען זיך ניט אויף זיי! (אַ וואָרף אַ פּעקל)

יזינעכע:

שאַ, מאַמע! זאָל זיין אַ כפּרה!

קאַפּיטאַן:

ס'האַלט שלעכט! זאָלן אַלע טאָן תּפילה! (אַלע שטעלן זיך אויף די קני; יונה ציט זיך אויס אויף דער ערד, מאַכט זיך שלאָפנדיק, שנאָרכט הויך; יודבר באַהאַלט זיך הינטער אים)

עלצטער:

(באַמערקט יונהן) האָסט ניט געהערט דעם באַפעל פון קאַ־פּיטאַן? טו תּפילה! (זעט, ער שלאָפט) היי דו, וואָס איז מיט דיר, וואָס דו שלאָפסט?! שטיי אויף! (וועקט אים)

יונה:

(כאַפּט זיך כלומרשט אויף, געגעצט) האַ, וואָס? מיר זיינען שוין אָנגעקומען?

עלצטער:

האָסט אַ האַרטן שלאָף, מסתמא. בעט ביי גאָט, מיר זאָלן ניט אונטערגיין!

קאַפּיטאַן:

רוף צו דיין גאָט, יונה! אפשר וועט ער זיך באַדאַכטן.

אַלע:

רוף ,יונה, רוף!

יונה:

(נאָך אַ פּויזע) איך קאָן ניט רופן צו מיין גאָט.

קאַפּיטאַן:

(דראָענדיק) דו קאָנסט ניט ?!

יונה:

איך בין פון פאַר גאָט אַנטלאָפן.

(אַ נייער קנאַל פון אַ דונער; די שיף שטעלט זיך ווידער מיטן קאָפּ אַראָפּ; ס'ווערט אַ שרעקלעכע פּאַניק. פּלוצלונג, דורכרייסנדיק דעם אַלגעמיינעם טומל, דערהערט זיך, ווי דורך אַ הילכער, אַ מוראדיק קול: דאָס קול פון וואַלפיש)

דאָס קול:

האַלאָ, האַלאָ! דאָ איז דער וואַלפיש!

אַלע:

דער וואַלפיש! (הויבן זיך אָן צו טרייסלען פאַר שרעק)

דאָס קול:

קאַפּיטאַן, שטעל אָפּ דיין שיף!

קאַפּיטאַן:

(ציטערנדיק) יאָ, האר וואַלפיש! (קאָמאַנדירט) סטאָפּ!
(צום וואַלפיש) שוין, האר וואַלפיש!

דאָס קול:

דאָס האָב איך אויפגעהויבן דעם שטורעם! צווישן אייך באַהאַלטן זיך יונהס!

אַלע:

יונהס! (מען רוקט זיך גלייך אָפּ פון זיי)

דאָס קול:

וואַרפט אַריין די יונהס אין ים און איר וועט אַלע פאָרן בשלום!

שטימען:

— מירן פאָרן בשלום!

— אַ דאַנק, האַר וואַלפיש!

— לאַנג לעבן זאָלט איר, האָר וואַלפיש!

— אוי, אַ דאַנק דיר, פּטאַה!

— אַ דאַנק, אַרם!

— אַ דאַנק, בעל! (ס׳ווערט אַ שמחה, מען קושט זיך)

דאָס קול:

וואַרפט די יונהס אין וואַסער!

שטימען:

— אין וואַסער די יונהס!

— אין ים!

יווינאָווע:

מענטשן, מענטשן! האָט רחמנות! (אַ ווײַלע ווערט טויט־שטיל, אָבער באַלד ברעכט אויס אַ גרויס געלעכטער)

שטימען:

— געהערט?! רחמנות!

— רחמנות ווילן זיי!

אַנדערע שטימען:

— און פאַרוואָס טאַקע ניט?!

— זײַנען זיי ניט קיין מענטשן?!

שטימען:

— שווייגט דאָרטן!

יווינעכע:

(שטיל) יונה!

יונה:

נאָר ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך, מײַן ווײַב! (צו יווינאָווען) שוויגער־לעב, ווײַנט ניט! זאָלן זיי ניט זען אונדזערע טרערן!

יווינאָווע:

(חזרט, שוואַך) מענטשן! מענטשן!

מצרי:

(שפרינגט צו) שוויג, דו אַלטע! די הויט וואָלט מען גע־דאַרפט פון אייך שינדן! (צו יונהן) דיין גליק, וואָס מיין גאָט הייסט ליב האָבן די גאַנצע וועלט! (כאַפּט אַרויס אַ מעסער) גיב אַהער דיין געלט!

יונה:

(קוקט אים אָן אַ ווײַלע, ווי ניט פאַרשטייענדיק, צעלאַכט זיך פלוצלונג ווי פון אַ זעלטן־געלונגענער המצאה) אויף מיין וואָרט, ביסט געדעכט. דער שכל איז ניט שלעכט. אַז דיין גאָט הייסט ליב האָבן די גאַנצע וועלט — קומט דיר געוויס מיין געלט. (גיט אים)

מצריכעס:

(לויפן צו צו יוינעכען און יוינאוועו) און די האַלדזבענדער! און די רינגען! (רייסן אַראָפּ)

יונה:

(שטיל צו זיך) נאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך! (צו יוינעכען און יוינאוועו) נאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך!

אדומי:

(לויפט צו צו יונהן) דיין גליק, יונה, וואָס מיר זיינען פרום! דיין גליק, וואָס מיר זיינען גוט! אַהער — דיין שפּענצער, דיין גאַרטל און דיין הוט!

יונה:

(לאַכט נאָך שטאַרקער ווי פריער) אוי, טאַקע, טאַקע! כ׳מיין — ביסט געדעכט, ווי די וועלט אַליין. אַז דו ביסט פרום, אַז דו ביסט גוט, קומט דיר ווייניקסטנס מיין שפענצער, מיין גאַרטל און מיין הוט. (טוט אויס, גיט אים)

אדומיכעס:

(לויפן צו צו יוינעכען און צו יוינאוועו) אַ שפּילקע אויף דער ברוסט! אַ פערל אין די האָר! (רייסן אַראָפּ)

שטימען:

— מענטשן, וואָס טוט איר ?!

— ווי האָט איר נישט קיין חרפה ?!

אַנדערע שטימען:

— וואָס איז ?! ווילסט ס׳זאָל זיין פאַר דיר ?!

— פאַרן וואַלפיש ?!

(עמיצער וויל פאַרשטעלן די יונהס; מען שטופט אים אָפּ מיט געלעכטער)

**יונה:**

(ווי פריער) נאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך!

**רודערמאַן:**

(לויפט צו צו יונהן) יונה!

**יונה:**

פאַרוואָס אַזוי שפעט, רודערמאַן? שוין מער ניטאָ וואָס ביי מיר צו נעמען.

**רודערמאַן:**

יונה, קיין עברי בין איך ניט, דיין גאָט קען איך ניט, אָבער מיין גאָט טראָג איך אין האַרצן און בישט בלויז אין וואָרט. איך וועל אייך ראַטעווען.

**יונה:**

(טוט זיך אַ וואַקל) האַ?!

**רודערמאַן:**

מאַך זיך, ווי דו גיסט מיר עפעס. (יונה טוט פּאַמעלעך אויס זיין וועסט) האַלט זיך אויפן וואַסער אַ קליינע ווײַלע. באַלד וועל איך צו אייך אַראָפּלאָזן אַ שיפל מיט בגדים און פּראָוויאַנט. אויך פּאַפּירן — פון צידונים.

**יונה:**

ווי זאָל איך דיר דאַנקען, רודערמאַן? (דער רודערמאַן פאַרשווינדט)

**דאָס קול:**

די מינוט וואַרפט די יונהס אין וואַסער!

**שטימען:**

— אַ רחמנות פונדעסטוועגן!
— לאָזט זיי לעבן! זיי האָבן קיין שלעכטס ניט געטאַן!

**אַנדערע שטימען:**

— איר ווילט מען זאָל אייך אויך אַריינוואַרפן אין ים, צוזאַמען מיט זיי?! (ס'ווערט אַ טומל, אַ געשלעג)

**שטימען:**

— אפשר וועלן זיי דערשווימען צו אַ ברעג.

אַנדערע שטימען:

— דער וואַלפיש וועט זיך שוין מיט זיי פאַרנעמען.

(געלעכטער, געמורמל, עמיץ טוט אַן די יונהס שווימגאַרטלען, מען הויבט זיי אויף און מען לאָזט זיי אַראָפּ אויסער דער שיף, וואָס פאַרשווינדט פּאַמעלעך. די יונהס בלייבן אַליין. יוינאָווע צעקלאָגט זיך אויפן קול)

יונה:

שוויגער, נאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך!

יוינאָווע:

ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך! אַ שיינע עצה, ווען דער וואַלפיש איז ביי דער זייט. (וויינט נאָך שטאַרקער)

יוינעכע:

מאַמינקע, גענוג שוין! באַלד וועלן מיר האָבן אַ שיפל.

יוינאָווע:

און אַז אַ שיפל — איז וואָס?! ס'וועט דאָך קוים קלעקן פאַרן וואַלפיש אויף איין צאָן! ווי איז אונדז, ווי איז אונדז! וואָס וועט איצט מיט אונדז זיין?!

הערלאָלד:

(קומט אַרויס פון אַ זייט, ווענדט זיך צום עולם) ששש! שרעקט זיך ניט, רבותי! האָט ניט קיין מורא! ס'וועט זיי חלילה גאָרנישט זיין. ס'איז אַ מעשה בלויז! אַ ביסל אַן אומעטיקע אפשר, אָבער — אויף מיינע נאמנות — ניט מער, ווי אַ מעשה!

יוינאָווע:

(האָט דערהערט די לעצטע ווערטער פון הערלאָלד, רייסט איבער דאָס וויינען, פרעגט מיט אַ ציטערנדיקן קול) האַ?!

הערלאָלד:

נו, געוויס!

יוינאָווע:

(דערפרייט, אָבער ניט אינגאַנצן זיכער) אוי, הערלאָלד האַרצע־דיקער — טאַקע אַזוי?!

הערלאָלד:

אַוודאי!

**חברה־שפילער:**

(לאָזט זיך אַריין פון אַלע זייטן) אוודאי! אוודאי!

**שטימען:**

— אַ מעשה...

— מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע...

— מיט אַ שעפסעלע אַ רויטע...

— ווער עס גלויבט אין דעם — איז נעבעך אַ גרויסער שוטה...

(געלעכטער, וואָס גייט איבער אין אַ זיפץ)

**דאָס קול:**

(מיט טריומף) יונה, יונה, באַלד ווער איך שוין פון דיר פטור! דו ליגסט שוין, יונה, אין וואַסער!

**יונה:**

וואַלפיש, וואַלפיש, איך ליג טאַקע אין וואַסער און אוודאי איז ביטער, וואָס ביטער הייסט. אָבער דיר, מיינסטו, ווער עס דען העלפן?! געדענק מיינע רייד, וואַלפיש: רשעות האָט נישט קיין האַפט! וואַרף מיך אין וואַסער היינט, וואַרף מיך אין וואַסער מאָרגן, אָבער דו אַליין וואַלפיש — גלויב מיר, אַלץ איינס וועסטו ליגן אין דר'ערד!

**העראָלד:**

אמן! (צו די שפּילער) וואָס, חברה?! ס'איז צו האָרכן און צו שטוינען! אַנו, דערלאַנגט אַ רעכטן למנצח פאַר רב יונהן!

**אַלע:**

(זינגען) למנצח, למנצח!

למנצח ליונה!

פוירהאַנג

# צווייטער אַקט

ה ע ר אַ ל ד :

(פאַרן פוירהאַנג) ויהי... און ס'איז געווען... און גאָט האָט אָנ־געגרייט אַ גרויסן פיש איינצושלינגען יונהן... און יונה איז געווען אין די אינגעווייד פון פיש דריי טעג און דריי נעכט...

ווען איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן
אין די אינגעווייד פון האר וואַלפיש טאָן פירן
אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע אינגעווייד, דו מיין

(דער פוירהאַנג גייט אויף. אויף דער בינע איז האַלב פינצטער און פוסט)

ה ע ר אַ ל ד :

אָט דאָ איז עס, מיינע הארן, פינצטער נעבעך און ביטער.
אוי צרות צרורות! אָט זעט אַליין! (פון אַ זייט גיבן פלוצלונג אַ פאַל אַריין, ווי געשטויסן פון אַן אויסערגעוויינלעכן כוח, יונה, יוינעכע, יוינאווע און יודבר. דער שטויס איז אַזוי שטאַרק, אַז זיי פאַלן אַלע אום, אין איין קנויל, האַלב באַטויבטע) ששש !...
(ער גייט אַרויס אויף די שפיצן פינגער)

י ו י נ אַ ו ע :

(קומט די ערשטע צו זיך) אוי וויי איז מיר ! ווו זיינען מיר דאָ ?! געוואַלד, ווו זיינען מיר ?! יידישע קינדער, ווו זיי־נען מיר דאָ ?!

י ו נ ה :

(האָט זיך פאַמעלעך אויפגעשטעלט) האַ ? וואָס ? (פלוצלונג) שוויגער־לעב, גאָט איז מיט אייך — וואָס פאַר אַ יידישע קינדער ?! ווער יידישע קינדער ?! איר ווילט אונדז מאַכן אומגליקלעך ?! ווו מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער צידונים זיינען מיר ! איר הערט ?! צידונים !

יוינאָווע:

אוי ווי איז מיר! אוי ווינד איז מיר! צידונים גאָר, אויף די עלטערע יאָרן!

יוינעכע:

(קומט צו זיך, רופט מיט אַ שוואַכן קול) יונה!

יונה:

(גייט צו צו איר; צערטלעך) וואָס, מיין ווייב?

יוינעכע:

מיר... מיר לעבן?

יונה:

א שאלה, צי מיר לעבן! וואָס דען זאָלן מיר טאָן?!

יוינעכע:

די מאַמע איז מיט אונדז?

יונה:

מיט אונדז, מיט אונדז! האָב קיין דאגה ניט! (בויגט זיך צו צו איר) דיר איז עפּעס חלילה?

יוינעכע:

(שטעלט זיך אויף, שווער) אַזוי ווי מען וואָלט מיר אַלע ביינער איבערגעבראָכן.

יונה:

ס'וועט פאַרביי, קיין בייז ניט!

יוינעכע:

(מיט אַ ציטער) האָסט געזען, האָסט געזען, ווי שרעקלעך ער האָט אַן עפן געטאָן דאָס מויל?

יונה:

נאַרעלע, אויף דעם איז ער דאָך אַ וואַלפיש! וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל עפענען — אַ קליין שנעבעלע? אויף איינשלינגען אַזאַ ביסל... הם... צידונים, קיין עין־הרע, (ווייזט אויף זיי אַלעמען) דאַרף מען האָבן יענעם פּיסקאַטש, כע־כע!

יוינאָווע:

אַז דער פּיסק זיינער זאָל זיך אים שטעלן אין אַ זייט, רבונו של עולם!

יזינעכע:

און וואָס וועט זיין ווייטער מיט אונדז?

יונה:

נאָר ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך, מיין ווייב! אַלץ איז דאָך איצט בעסער, ווי בעת מען האָט אונדז אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין! אַלץ איז דאָך בעסער, ווי בעת דער בעל־דבר האָט געגעבן אַ צעעפן זיין שער־הרחמים און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט שוין, אין איין רגע, איז אָפּגע־דאַוונט! מען איז ברוך־השם לעבעדיק? קיין כוואַליעס רינגלען אונדז מער ניט אַרום? טרוקן איז? וואַרעם איז? געלויבט איז גאָט דערפאַר! איי, וואָס ווייטער? וועט מען מסתמה געפינען אַ מיטל אויף ווייטער אויך! ערגער, ווי עס איז געווען, קאָן שוין ניט זיין. איז א סימן, אַז ס׳וועט זיין בעסער. אויסער אַלץ — זיינען מיר דאָך עפּעס צידונים! איז דאָך שוין גאָר אַן אַנדער מעשה!

יזינאָזע:

שוין איינמאָל אַן אַנדער מעשה, אָך און וויי!

יונה:

אייך, שוויגער, וויל איך בעטן איינס: טאָמער קומט דאָ עמיצער אַריין, זאָלט איר זיך חלילה ניט אָפּרופן מיט קיין איין וואָרט! ממש ניט עפענען דאָס מויל!

יזינאָזע:

וואָס הייסט, כ׳וועל ניט עפענען דאָס מויל?!

יונה:

אַז איר שווייגט, קאָן מען אייך אָננעמען פאַר אַ צידוניכע אויך.

יזינעכע:

יונה איז גערעכט, מאַמע.

יונה:

כ׳מיין, אַמבעסטן וואָלט געווען, ווען איר גייט אָן פאַר אַ טויב־שטומע.

יזינאָזע:

וואָס?! מאַך מיך שוין פאַר אַ משוגענע און פאַרטיק!

יונה:

וואָס הייסט — איך מאַך ?! מיר האָבן דען אַ ברירה ?!

יינגעבע:

טאָמער חלילה דערקענען זיי אויף דיר, מאַמע...

יינאָהיע:

אַ טויב־שטומע ! ניט אַנדערש, ס׳איז מיר באַשערט אָפּצו־קומען אויף ד ע ר וועלט פאַר אַלע זינד מיינע !

יזדבר:

(הויבט זיך פּאַמעלעך אויף פון דער ערד) אוי וויי, איך פיל ניט קיין גאַנצן גליד אין זיך !

יונה:

אַהאַ, מיט אַ גוטן אויפשטאַנד, פעטער ! איך פרעג אייך — וואָס פאַר אַ גוטער יאָר האָט אייך דאָ אנגעטראָגן ?! פאַר־וואָס זייט איר מיר נאָכגעלאָפן ?! פאַרוואָס זייט איר גע־שפּרונגען אין ים, פרעג איך אייך ?!

יזדבר:

(פּייערלעך) זאָלסטו וויסן, יונה, אַז דאָס וואָרט וועט זיין צו דיר — ווו דו וועסט גיין און ווו דו וועסט שטיין און ווו דו וועסט ליגן ! (קוקט זיך אַרום, בייט דעם טאָן) אוי, כ׳האָב מורא, מיר ליגן אין פעסל !

יונה:

אין פעסל, זאָגט ער ! אין פעסל — וואָלט געווען גאָלד ! (פּייערלעך) מיר ליגן ביים וואַלפיש אין בויך !

יזדבר:

אַזוי ?! דערפאַר איז עס מיר פלוצלונג פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן?! (פויזע; צעשאָקלט זיך, פאַלט שיר ניט כורעים) אוי, אַ דאַנק דיר, גאָט ! אוי, אַ לויב דיר גאָט — פאַרן חסד, וואָס דו האָסט מיר באַוויליקט, פאַר דער זכיה, וואָס איך האָב דערלעבט, אַז ס׳זאָל מיט מיר געטון טאָן ווערן דער נס פון יונה הנביא ! (צו יונהן) יונה, ניט געדאגהט ! מיר זיינען ביי גאָט ברוך הוא אין האַנט!

יינאָהיע:

היינט גיי טרעף, ווו דעם אויבערשטנס האַנט קאָן דאָס אַלץ דערלאַנגען !

יונה:

זאָגט זשע מיר, רב יודבר, וואָס אַשטייגער וועט איר איצ־טער טאָן ?! מילא מיר — מיר זיינען צידונים! מיר האָבן אַלע פּאַפּירן כשר וישר. איך הייס יאָנידאס. מיין ווייב הייסט יאָנידא. זי איז ניט מיין ווייב, נאָר מיינע אַ שוועס־טער. און מיין שוויגער הייסט יאָנידאַדאַ — ניט קיין שווי־גער, נאָר גלאַט אַ ווילד־פרעמדע צידוניכע. אַלע דריי כשרע צידונים! אָבער איר ?!

יודבר:

איך פאַרלאָז מיך אויף דעם, וואָס אין הימל.

(פון דער הייך דערגייט פלוצלונג אַ קלאַנג, ווי פון קלאַפּן אין אַ גאָנג; אַלע פאַררייסן די קעפּ; קוקן)

יוינאָווע:

אוי וויי!

יונה:

שוויגער־לעב, געדענקט — קיין פּיפּס ניט!

סעקרעטאַר:

(טוט זיך פלוצלונג אַ לאָז אַראָפּ פון אויבן — אויף אַ שטריק — מיט אַ פייפעריי און געלעכטער) ברוך הבא, יונהס! (לאַכט, עס ענטפערט אים אַ ווילדער געלעכטער, וואָס קומט גלייכצייטיק פון אויבן, פון רעכטס, פון לינקס און כמעט ווי פון אונטער דער ערד; דער געלעכטער קייקלט זיך און שלאָגט זיך אָפּ פּילפּאַכיק, ווי אין אַ ליידיקער הייל; די יונהס בלייבן פאַרציטערט. אויס־געלאַכט זיך, רופט דער סעקרעטאַר מיט חוזק און שנאה) אַנו, קומט יונהס!

יונה:

(באַהערשט זיך ביסלעכווייז) וועלכע... יונהס ?!

סעקרעטאַר:

וועלכע יונהס ?! די יונהדיקע! (צעלאַכט זיך ווידער; ווידער ענטפערט אים אַ געלעכטער פון אַלע זייטן)

יונה:

(שוין דרייסטער) מיין האַר, זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז איך פאַרשטיי ניט אייער שפּאַס! (דער סעקרעטאַר לאַכט אַלץ) מיין האַר! (דער סעקרעטאַר הערט אים אפילו ניט; יונה נעמט

צונויף זיין גאַנצן מוט און שרייט אויס מיט אַ ווילדן קול)
מיין האַר, דאָ זיינען נישטאָ קיין יונהס !!

סעקרעטאַר:

(טוט זיך מיט איין מאָל א ווארג מיט זיין געלעכטער און בלייבט שטיל; ס'ווערט אַ טויט־שטילקייט) האָ ?!

יונה:

(איז געוואָרן האָפּערדיק) ווער עס האָט אויערן, דער זאָל האָרכן!

סעקרעטאַר:

(שטאַרק פאַרלוירן) וואָס הייסט, וואָס — דאָ זיינען נישטאָ קיין יונהס ?! איר, איר זייט דאָך יונהס!

יונה:

(טיף דערשיטערט) מיר זיינען יונהס ?! (דראָענדיק) מיט וואָס פאַר אַ רעכט, מיין האַר, מיט וואָס פאַר אַ רעכט דער־לויבט איר זיך צו זאָגן, אַז מיר זיינען יונהס ?! (און מיט אַ דונער־קול) איר זייט אַליין אַ יונה!

סעקרעטאַר:

(גיט זיך אַזש אַ טרייסל פון דער שרעקלעכער באַליידיקונג) מיין האַר, שרייט נישט אַזוי, איך בעט אייך! עמיץ קאָן נאָך דערהערן, קאָן מען טאַקע מיינען... (פויזע; שוין הכנעהדיק) איר... איר זייט ניט קיין יונהס?

יונה:

ניין, מיין האר!

סעקרעטאַר:

איר... איר זייט ניט קיין יונהס?

יונה:

מיר זיינען צידונים!

סעקרעטאַר:

אוי ווײ, צידונים גאָר ?!

יונה:

צידונים, מיין האר! צידונים!

סעקרעטאַר:

אָבער... וואָס הייסט?

יונה:

(וואָס מער דער סעקרעטאַר פאַרלירט זיך, אַלץ מער ווערט יונה האָפערדיק) דאָס פרעג א י ך אייך, מיין האַר — וואָס הייסט ?! וואָס מיינט איר, וואָס ?! ס'איז שוין הפקר אַ וועלט ?! וואָס מיינט איר, וואָס — מיר וועלן שווייגן ?! איינשלינגען פרידלעכע, אָרנטלעכע צידונים, אינמיטן העלן טאָג, אינמיטן העלן ים ?! איר שטעלט זיך פאַר, וואָס די רעגירונג פון צידון וועט זאָגן ?! אַ מלחמה, חלילה, קאָן דאָך אויסברעכן צוליב אייך! אַ מלחמה!

סעקרעטאַר:

(אויסער זיך, געפינט קיין ווערטער ניט) אוי וויי! אוי וויי! (הויבט פלוצלונג אָן ווילד צו וואַרפן מיט די הענט און לויפט אַרויס, שרייענדיק) האַר קאָמענדאַנט, דאָס זיינען גאָר צי־דונים! צידונים! (אַרויס)

יונה:

(שטראַלט אינגאַנצן) נו, וואָס זאָגט איר? נאָר נישט אַראָפּ־פאַלן ביי זיך!

יזינאָוזע:

אוי, רבונו של עולם! (עס הערט זיך אַ קלאַנג פון אַ גאָנג)

יונה:

ששש!

קאָמענדאַנט:

(לויפט אַריין, טוט אַ קלאַפּ אין גאָנג, וואָס ער טראָגט אויף זיך, וואַרט אָפּ אַ ווײַלע און שטעלט זיך פאָר) קאָמענדאַנט פון וואַלפיש! (בלייבט שטיין, באַטראַכט אַלעמען מיט אַ שטאַרן בליק, וואָר־טשענדיק בייז און לאַנג)

יונה:

(נאָך אַלץ האָפערדיק) האַר קאָמענדאַנט, דערלויבט מיר...

קאָמענדאַנט:

(טוט זיך אַ דריי אויס צו יונהן, ווילד) פּתח־שין! (און ווי אויס־שיסנדיק פון אַ האַרמאַט) שאַ!!! (פון אַלע זייטן צעהילכט זיך: שאַ)

יונה:

(שוין באַדייטנדיק ווייניקער האָפערדיק) דערלויבט צו פּראָ־טעסטירן...

קאָמענדאַנט:

(ווי פריער) שאַ!!! (ווידער צעהילכט זיך פון אלע זייטן: שאַ; פויזע; ער קוקט אויף אַלעמען פאַרשנדיק און שטעלט אָפּ דעם בליק אויף יודברן) דו — ווער ביסטו?!

יודבר:

(רואיק) איך?

קאָמענדאַנט:

דו! (אַ קלאַפּ אין גאַנג)

יודבר:

איך בין... דער שליח.

קאָמענדאַנט:

דער שליח?! וועמענס שליח?!

יודבר:

דער שליח פון וואָרט.

קאָמענדאַנט:

פון וואָס פאַר אַ וואָרט?!

יודבר:

פון וואָרט פון רבונו של עולם.

קאָמענדאַנט:

פון רבונו של עולם?! נישט געהערט פון אַזעלכן!

יודבר:

דאָס איז דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און וואָס...

קאָמענדאַנט:

ווילסט זאָגן — ביסט אַ מלאך?!

יודבר:

חלילה! אַ פשוטער בשר ודם. אַ שליח בלויז.

קאָמענדאַנט:

הם! (וואָרטשעט לאַנג) און אַ געשריפטס האָסטו?

יודבר:

(פאַרשטייט ניט) אַ געשריפטס?

קאָמענדאַנט:

אַ געשריפטס! (אַ קלאַפּ אין גאַנג) אויף פּאַרמעט! מיט אַ חתימה! און אַ שטעמפּל פון וואַקס!

יודבר:

איך האָב ניט קיין געשריפטס.

קאָמענדאַנט:

האָסט ניט?! (פויזע. וואַרטשעט) און עפּעס אַ סימן האָסטו יאָ?!

יודבר:

וואָס פאַר אַ סימן, מיין האַר?

קאָמענדאַנט:

אַ סימן! (אַ קלאַפּ אין גאַנג) אויב ניט... אויב ניט... (וואָרטשעט דראָענדיק)

יודבר:

(בלייבט אַ וויילע שטאַרק דערשלאָגן, צעשאָקלט זיך פייערלעך און הויבט אָן מיט אַ ניגון) רבונו של עולם, עס שטייט געשריבן אין דיין הייליקער תורה: ויהי קולות... איז דער טייטש אויף פּראָסט עברי־טייטש: און ס׳זיינען געווען דונערן... (בייט דעם טאָן) אוי, טאַטע פאָטער, דו זעסט דאָך ווו מיר האַלטן נעבעך אין דער וועלט. גיב דעם חמור אַ סימן, גאָטעניו! (הויך מיט אַ ניגון) דערלאַנג — ויהי קולות! (הויבט אויף ביידע הענט, עס דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער: יודבר מורמלט שטיל די ברכה)

קאָמענדאַנט:

טפו! כשופמאַכער! (וואָרטשעט לאַנג; ווענדט זיך פּלוצלונג צו יונהן) און איר אַלע?! אייערע פּאַפּירן! (יונה דערלאַנגט אים די פּאַפּירן, ער באַטראַכט זיי לאַנג) פאַלשע פּאַפּירן!

יונה:

פאַלשע?! וואָס הייסט, האר קאָמענדאַנט, וואָס הייסט — פאַלשע?! ווי קאָנען פּאַפּירן זיין פאַלשע?!

קאָמענדאַנט:

(קוקט אים אָן אויג אין אויג; פאַמעלעך) איר זייט יונהס!

יונה:

דער האַר קאָמענדאַנט טרייבט שפּאַס! (לאַכט מיט יאשטשערקעס) מיר זיינען יונהס! (לאַכט נאָך שטאַרקער) כאַ־כאַ־כאַ, מיר זיינען יונהס!

קאָמענדאַנט:

(וואָרטשענדיק) פּתח־שין! (און ווי פון אַ האַרמאַט) **שאַ !!!**

יונה:

איך בעט פאַרצייאונג. דער האר קאָמענדאַנט איז אַ וויצלינג.

קאָמענדאַנט:

(האָט אַ ביסל פאַרלוירן פון זיין אַנגרייפערישער זיכערקייט, באַקוקט נאָך אַ מאָל די פּאַפּירן, קלערט נאָך) **ווי הייסטו?**

יונה:

איך?

קאָמענדאַנט:

דו! (טוט אַ קלאַפּ אין גאַנג)

יונה:

יאַנידאַס.

קאָמענדאַנט:

(מיט אומצוטרוי) יאַנידאַס? הם! (פּויזע) **ווי אַלט ביסטו?**

יונה:

ווי אַלט איך בין?

קאָמענדאַנט:

יאָ! (טוט אַ קלאַפּ אין גאַנג)

יונה:

(רעדט מיט גרויס היץ, ווי וועלנדיק פאַררעדן די ציין) **ווי זאָל איך אייך זאָגן, האר קאָמענדאַנט? איר ווייסט דאָך, ביי אונדז אין צידון איז שטענדיק אַ מעשה מיטן פאַרשרייבן. זאָל מען פאַרשרייבן יינגער — וועט מען דאַרפן שטיין פריער צום פּריזיוו! זאָל מען פאַרשרייבן עלטער — קאָן עס אַמאָל שאַטן צום שידוך! זאָל מען פאַרשרייבן די אמתע יאָרן — פאַלט עס גלאַט קיינעם ניט איין!**

קאָמענדאַנט:

וואָס דרייט ער דאָ אַ ספּאָדעק, וואָס?!

**יונה:**

איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, האַר קאָמענדאַנט, וואָס די אמתע יאָרן מיינע ווייסט איין גאָט אין הימל. לויט דער גמרא נאָך, בין איך אַלט בסך הכל זעקס און ניינציק יאָר, אָבער ס׳איז אַ סברא, אַז אין דער אמתן האָב איך שוין אַריבערגעשפרייזט די מאה — און נאָך מיט אַ רעכטן שמיצל!

**קאָמענדאַנט:**

(שטאַרק דערשטוינט) הונדערט יאָר ?!

**יונה:**

מיט אַ שמיצל, האַר קאָמענדאַנט!

**קאָמענדאַנט:**

(קוקט אים אָן מיט אַ געמיש פון פאַרווונדערונג און חשד) כ׳וואָלט דיר געגעבן העכסטנס אַ יאָר פינף און דרייסיק — פערציק.

**יונה:**

(לאַכט) העַ־העַ!

**קאָמענדאַנט:**

ביסט נישט אַמאָל אויך אַ כשופמאַכער ?!

**יונה:**

עס, אַ כשופמאַכער! זעט איר, אַ ביסל כשוף טרייבן — דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס קאָנען אַלע ביי אונדז אין צידון.

**קאָמענדאַנט:**

(מיט שטייגנדיקן חשד) ס׳פאַלט מיר איין: ביסט אפשר גאָר אַמאָל יענער יונה פון תנך ?!

**יונה:**

כע־כע! אַ שיינער וויץ, אויף מיינע נאמנות! (און מיט אַ גמרא־ניגון) ווי אַזוי קאָן איך זיין יענער יונה פון תנך, אַז איך בין גאָר דער יאָנידאָס פון צידון ?!

**קאָמענדאַנט:**

(באַטראַכט זיך) הם! דאָס וועלן מיר באַלד זען. איך האָב דאָ אַ צידוני, כ׳וועל אים הייסן זיך צונויפריידן מיט דיר. וועלן מיר זען — צי דו ביסט יאָנידאַס, צי דו ביסט יונה. (טוט אַ קלאַפּ אין גאָנג, גייט אַרויס)

יונה:

(אינגאַנצן אַנטמוטיקט) אוי ווי!

יווינאָווע:

זאָג בעסער דו אַליין, יונה, וועמען פון אונדזביידן וואָלט גיכער געפּאַסט צו זיין שטום — מיר, צי דיר ?! צו וואָס האָסטו געדאַרפט דערמאָנען די גמרא, פרעג איך דיר ?!

יווינעכע:

מאַמע!

יונה:

איר זייט גערעכט, שוויגער, גערעכט ווי די וועלט. איצט איז זייער שלעכט. נאָר אַ נס קאָן אונדז ראַטעווען.

יווינעכע:

(וויינ) יונה!

יונה:

יאָ, מיין ווייב, כ׳ווייס. נאָר חלילה ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך. (עס קומט אַריין דער קאָמענדאַנט, באַגלייט פון אַ מיטליאַריקן מאַן — יורצון — וואָס באַמיט זיך מיט אַלע כוחות, מען זאָל ניט זען, אַז ער ציטערט ווי אַ בלאַט)

קאָמענדאַנט:

(ווייזנדיק אויף יונהן) דאָס איז ער! אַ לאַנדסמאַן, זאָגט ער. רייד צו אים דיין לשון!

יורצון:

איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד... האַר קאָמענדאַנט... אייך צו זאָגן... אַז איך בין אַוועק פון צידון... שוין זייער לאַנג... כמעט נאָך זייענדיק אַ קינד... די שפּראַך האָב איך... כמעט שוין פאַרגעסן...

קאָמענדאַנט:

פלוידערייען! מען פאַרגעסט ניט קיין מאַמע־לשון! רייד! (אַ קלאַפּ אין גאַנג)

(יורצון דערנענטערט זיך פּאַמעלעך צו יונהן, פאַרנויגט זיך; יונה פאַרנויגט זיך אויך; ביידע קוקן זיך אָן מיט אַנגסט, ווישן דעם שווייס פון שטערן)

קאָמענדאַנט:

אויף וואָס וואַרטסטו ?! אויף כבוד ?! הויב אָן!

(יורצון דערנענטערט זיך נאָך מער צו יונהן, גיט אַ הוסט, יונה ענטפערט אים אויך מיט אַ הוסט)

**קאָמענדאַנט:**

(דראָענדיק) נו?! (אַ קלאַפּ אין גאַנג)

**יורצון:**

(עפנט עטלעכע מאָל דאָס מויל, פאַרמאַכט צוריק, שלינגט די שפּייעכץ, פאַרנויגט זיך טיפער און זאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע) סאַלאַם!

**יונה:**

(אויך מיט אַ ציטער) סאַלאַם!

**יורצון:**

(מיט נאָך אַ פאַרנויג) אַלייקום!

**יונה:**

(דאָס זעלבע) אַלייקום!

**יורצון:**

(דרייסטער) סאַלאַם אַלייקום!

**יונה:**

אַלייקום סאַלאַם! (כאַפּט יורצונס האַנט, דריקט זי)

**קאָמענדאַנט:**

(צו יורצונ׳ען) נו, וואָס? ער רעדט צידוניש?

**יורצון:**

יאָ, האר קאָמענדאַנט! ווי אַ וואַסער!

**קאָמענדאַנט:**

וואָס אָבער פאַרהערסטו אים מיט איינצלנע ווערטער?! רעדט, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין!

**יורצון:**

(וואַקלט זיך ווידער, שוין אָבער מיט ווייניקער מורא) ע... לשנה הבא...

**יונה:**

אוי, לשנה הבא!...

**יורצון:**

(ספּקט אַ ווײַלע; פּלוצלונג) בצידון!

יונה:

געוואַלד, בצידון! (דריקן זיך ביידע די הענט זייער הייס) דברט, קרוב, נתנט לשון!

יורצון:

(מיט אַ ניגון) אוי אחי, אחי! דער מקום איז שלים־שלימזל! מען ברויך רחמים מן השמים! דער אדון וויל זיין המלאך־המות שלנו!

יונה:

(מיטן זעלבן ניגון) אוי אחי, אחי! השם יתברך וועט זיך מרחם זיין! דער אדון וועט הולכן מיטן של־ראש אין דער אדמה!

יורצון:

הלוואי, רבונו של עולם!

יונה:

אמן! (ביידע כאַפּן זיך אַזש אַרום פאַר שמחה)

קאָמענדאַנט:

(צו יורצונ׳ען) נו?

יורצון:

גלענצנד, האר קאָמענדאַנט!

יונה:

שטעלט זיך פאָר, האר קאָמענדאַנט, ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זיינען גאָר שטיקלעך קרובים. די זאַך איז אַזוי: זיין באָבע און מיין זיידע (אין דער שטיל) ליגן אין דער ערד ביידע (הויך) זיינען געוועןֿ...

קאָמענדאַנט:

(צו יורצונ׳ען) קאָנסט גיין! (יורצון פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס) כאַפּט אייך דער רוח, צידונים! (גיט אָפּ יונהן די פּאַפּירן) רק איר פלאָנטערט זיך אונטער די פיס.

יונה:

נו, שוין, זייט אונדז דאָס מאָל מוחל, האַר קאָמענדאַנט! איך גיב אייך מיין ערלעך וואָרט, אַז מיר וועלן מער אין אייערע ד׳ אמות ניט קומען. אַזוי גיך ווי איר שלינגט אונדז אויס...

קאָמענדאַנט:

(רייסט אים איבער) וואָס ?!

יונה:

כ׳מיין, האַר קאָמענדאַנט, איר האָט אונדז איינגעשלונגען צוליב אַ טעות, דאַרפט איר דאָך אונדז איצטער אויס־שלינגען.

קאָמענדאַנט:

האָסט שוין אַמאָל געהערט, דער וואַלפיש זאָל עמיצן אויסשלינגען ?!

יונה:

וואָס הייסט ?!

קאָמענדאַנט:

דער וואַלפיש שלינגט איין !

יונה:

נו... און ?

קאָמענדאַנט:

פאַרנעמט גוט מיינע רייד, צידונים ! פון דאַנען איז נאָך קיינער קיין לעבעדיקער ניט אַרויס. יונהס פאַר־ברענגען מיר גלייך. איר — קאָנט דערווייל בלייבן לעבן. אָבער... (פויזע)

יונה:

אָבער ?

קאָמענדאַנט:

איר דאַרפט אונדז שפינען גאָלד !

יונה:

שפינען גאָלד ?!

קאָמענדאַנט:

גאָלד ! גאָלד !

יונה:

פון וואַנען זאָלן מיר קאָנען שפינען גאָלד, האַר קאָמענ־דאַנט ?!

קאָמענדאַנט:

(דראָענדיק) איר קאָנט ניט ?!

יונה:

דאָס הייסט... כ׳מיין, צוריקגערעדט — פאַרוואָס זאָלן מיר ניט קאָנען? אפשר קאָנען מיר גריילעך יאָ. איך ווייס? מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געפּרוווט.

קאָמענדאַנט:

(מיט נאָך מער דראָונג) איר האָט ניט געפּרוווט?!

יונה:

וואָס הייסט?! אויב מען זאָל טייטשן אַנדערש דעם פּסוק — פאַרוואָס זאָלן מיר ניט האָבן געפּרוווט?! אַוודאי האָבן מיר געפּרוווט! אַ שיינע מעשה, צי מיר האָבן געפּרוווט! (הויבט אָן לאַכן, פאַרגעסט אָבער גלייך דאָס געלעכטער) די גאַנצע יאָרן אונדזערע האָבן מיר געהאַלטן אין איין פּרוּוון... און שפּינען... מיר זיינען דאָך עפּעס אַלע גאָלד־שפּינער, אין צידון, גאָלדשפּינער פון דור דורות...

קאָמענדאַנט:

איז גוט! באַלד וועלן מיר זען, צי דו זאָגסט אמת! איר וועט נעמען דאָרט דעם פּישטראָן. ס׳איז פון האַר וואַלפיש. און פונעם פּישטראָן וועט איר שפּינען גאָלד!

יונה:

פון פּישטראָן — גאָלד?!

קאָמענדאַנט:

(ווילד) וואָס?! איר קאָנט ניט?!

יונה:

מיר קאָנען, האר קאָמענדאנט, אוודאי קאָנען מיר! פאַר־וואָס זאָלן מיר ניט קאָנען? פון פּישטראָן! מיר וועלן שפּינען, מיר וועלן שפּינען! (מאַכט מיט די הענט, כמעט פאַרצווייפלט) גאָלד! און זילבער! און בריליאַנטן! און צוערשט — שמן־זית! און בוימל אויף חנוכה־לאָמפּן! און אייל צו הבדלות! און...

קאָמענדאַנט:

(רייסט איבּ איבער) גענוג גערעדט! צו דער אַרבעט! (גיט אַ קלאַפּ אין גאָנג) דאָרט ליגן קריגלעך, נעמט! (אַלע נעמען) פאַרלייג קנויטן דאָ! (ווייזט אָן יונהן עטלעכע ערטער אויף דער פּאָדלאָגע, יונה פאַרלייגט אַהין שטריק; דער קאָמענ־

דאַנס צינדט אָן, פלעמלעך הויבן זיך פון די קנויטן) ניט געשטאַ־
נען!

יונה:

שעפּט, צידונים, דעם פישטראָן! צוערשט דאַרף מען אים
זייען! אַרבעט, דער אויבערשטער וועט העלפן! (אַלע ארבעטן)

קאָמענדאַנט:

לעבעדיקער! מיט געזאַנג!

יונה:

אַרבעט, צידונים! לעבעדיקער! שפינט גאָלד מיט שמחה,
מיט פרייד!

(זינגט) זאָלן אַלע האַרן זען
ווי מיר שפינען גאָלד מיט ברען
שפינט און שפינט, ס'זאָל גיין אַ רויך
ביים האַר וואַלפיש אינעם בויך

אַלע:

הויך דאָס קריגל, גיס און גיס
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס

יונה:

ס'וועלן מירצעשעם די האַרן
הויפנס גאָלד און זילבער שאַרן
און בריליאַנטן טאַקע אויך
אויסגעשפינט אין וואַלפישס בויך

אַלע:

הויך דאָס קריגל, גיס און גיס
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס

קאָמענדאַנט:

(האָט, ביי דער העלער ליכט פון די פלעמלעך, גענויער באַ־
טראַכט אַלעמען און זיך אָפּגעשטעלט אויף יוינעכען. ער פרעגט
יונהן) דיין ווייב?

יונה:

מיין שוועסטער יאָנידא.

קאָמענדאַנט:

הם! אַ פיינע שוועסטער האָסטו!

יונה:

עט!

קאָמענדאַנט:

אַ פּאַרשוין!

יונה:

ווייס איך וואָס!

קאָמענדאַנט:

נאָך גאָר אַ יונגע!

יונה:

אַזוי... אַ יאָר פינף און זיבעציק!

קאָמענדאַנט:

(טוט זיך אַזש אַ טרייסל) וואָס ?!

יונה:

און אפשר טאַקע מיט אַ שמיצל!

קאָמענדאַנט:

טפו, כשופמאַכער! (דרייט זיך אַרום יוינעכען, קאָן נישט אָפּרייסן דעם בליק פון איר; צו יונהן) זי איז פאַרהייראַט?

יונה:

פאַרהייראַט, כע־כע! זי האָט שוין אוראייניקלעך!

קאָמענדאַנט:

(אויסער זיך) אוראייניקלעך? (פּויזע, צו יונהן) און ווו איז איר מאַן?

יונה:

איר מאַן?

קאָמענדאַנט:

(צו יוינעכען) ווו איז אייער מאַן, גנעדיקע האַרנטע!

יוינעכע:

מיין מאַן איז...

יונה:

זי האָט זיך געגעט מיטן מאַן!

יוינעכע:

יאָ, מיין האַר.

קאָמענדאַנט:

אהא, אַ גרושה! איך האָב ליב גרושהס! (לאַכט, גייט צו נעענטער צו יוינעכען, באַטראַכט זי מיט כסדר שטייגנדיקער

איבעראַשונג) פינף און זיבעציק יאָר ! טפו, אַ פאַרבלענ־ דעניש ! דוכט זיך, די הויט איז פריש און גלאַט, ווי ביי אַ יונגן איילבערט. (טוט איר אַ גלעט די באַקן, זי טוט אַ געשריי, יונה — אַ שפרונג אונטער און יוינאָווע — אַ ברום)

**יוינעכע:**

מיין האַר, ניט שיין צו פאַרשעמען אַ פרוי אין מיין עלטער !

**קאָמענדאַנט:**

איך בעט פאַרציייאונג. (גייט אָפּ עטלעכע טריט, אָבער קערט זיך גלייך צוריק אום, ווי פאַרכשופט) דוכט זיך, די אויגן ברענען, די ליפּן זיינען רויט און אָנגעקוואָלן... (טוט זיך אַ בויג צו איר, וויל זי אַרומנעמען, זי טוט ווידער אַ געשריי, יונה — אַ שפרונג אונטער און יוינאווע אַ לאַנגן ברום)

**יוינעכע:**

מיין האַר, ס׳איז אַ גרויסע עברה!

**יונה:**

כשוף האָט ניט קיין ממשות, האר קאָמענדאַנט !

**קאָמענדאַנט:**

(הערט אפילו ניט, וואָס מען רעדט צו אים; דרייט זיך אַרום יוי־ נעכען; פלוצלונג — ווילד) יאָנידאַ, דו געפעלסט מיר ! (גיט אַ קלאַפּ אין גאַנג, יוינאָווע צעברומט זיך; אין דער זעלבער רגע ווערט הינטער דער סצענע אַ גרויסער טומל, מען קלינגט, מען פייפט; אויסרופן : „קאָמענדאַנט... קאָמענדאַנט״...)

**סעקרעטאַר:**

(טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ, אויפן שטריק, פון אויבן) האַר קאָ־ מענדאַנט, אַן איבערפאַל !

**קאָמענדאַנט:**

ווו ?!

**סעקרעטאַר:**

פון דער זייט פון עק. דער האר וואַלפיש האָט באַפוילן...

**קאָמענדאַנט:**

איך ווייס אַליין, וואָס כ׳האָב צו טאָן ! (הויבט אָן לויפן, שרייט) אָנשטעלן דאָס מויל קעגן שונא ! (לויפט אַרויס, דער סעקרע־ טאַר— נאָך אים)

יזינאָווע:

אוי ווײ איז אונדז, ווינד איז אונדז!

יונה:

נאָר ניט אַראָפּפאַלן בײ זיך! (עס דערהערט זיך אַ שרעקלעכער פּייף און אַ קלאַפּ)

יזינאָווע:

אוי!

יונה:

ששש!

(פון אַ זייט טוען אַ פאַל אַריין, ווי אַן אַריינגעשטויסענער קנויל, יונתן און יולקח; ביידע ליגן אַ ווײלע באַטויבט)

יולקח:

(ליגנדיק) שמע ישראל!

יונתן:

אוי ווײ!

יולקח:

געוואַלד, יונתן!

יונתן:

אוי, יולקח!

יולקח:

דו ביסט דאָ, יונתן?

יונתן:

(איז געקומען צו זיך און האָט זיך אויפגעשטעלט) ווי האָסטו געוואָלט איך זאָל זיין?! אויפן בוידעם?!

יולקח:

(האָט זיך אויך אויפגעשטעלט) זע נאָר זע — וואָס איז דאָס פאַר אַ רוגזה, יונתן?!

יונתן:

ער פרעגט נאָך! דו געדענקסט, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, יולקח?! איך האָב דיר אָנגעזאָגט, דו זאָלסט אים בינדן!

יולקח:

האָב איך אים דען ניט געבונדן?!

יונתן:

איך האָב דיר אָנגעזאָגט, דו זאָלסט אים בינדן די שווים־פעדערן!

יולקח:

פאַרוואָס האָסטו מיר ניט אָנגעזאָגט, איך זאָל אים אָנ־שיטן פסחדיקע זאַלץ אויפן עק?! פון איין קלאַפּ מיטן עק, האָבן דיינע שטריק געפּלאַצט, ווי זייפנבלעזלעך.

יונתן:

אוי, ביסטו אַ שלימזל, יולקח!

יולקח:

אוודאי בין איך אַ שלימזל! אַז איך האָב מיך פאַרגעבן מיט דיר, בין איך אַ שלימזל.

יונתן:

קוק אים נאָר אָן! וואָס איז, יולקח, האָסט שוין אפשר ווידער חרטה?!

יולקח:

און אַז יאָ, איז וואָס, יונתן?

יונתן:

לאָז איך דיך אַרויס פון געשעפט!

יולקח:

אַזוי?!

יונתן:

אַזוי!

יולקח:

איצט —ביים וואַלפיש אין בויך?! ביסט שוין איינמאָל אַ חכם, יונתן!

יונתן:

קום, שוין, קום, שלימזל! אַ שאָד די צייט! זוך! (הויבט אָן קלאַפּן אין די ווענט)

יולקח:

(דערזעט פלוצלונג די יונהס, וואָס זיינען די גאַנצע צייט גע־שטאַנען אין אַ זייט) אוי, יונתן, עמיץ איז דאָ פאַראַן!

יונתן:

(קוקט זיך צו) ס'איז דאָך יונה! (לויפט צו אים צו, כאַפּט אים אַרום) אוי, יונה!

יולקח:

געלויבט איז דער אויבערשטער!

יונתן:

אבי דו לעבסט, יונה!

יונה:

ערשטנס, בין איך ניט יונה, נאָר יאָנידאָס. פאַרשרייבט זיך עס אויפן לינקן זייט קוימען. והשנית, זייט וויסן, אַז מיר זיינען דאָ אַלע צידונים.

יונתן:

אוי וויי, איר אויך?!

יונה:

וואָס הייסט, מיר אויך?! איר זייט דען אויך צידונים?

יונתן:

וואָס דען האָסטו האָסטו געוואָלט, מיר זאָלן זיין?!

יולקח:

אוודאי צידונים!

יוינאָוועָ:

טאָמער האָט געפעלט צו אַ מנין!

יונה:

(אויפגעבראַכט) איז זאָגט זשע אַליין, רבותי, סאַרא מאָדנע... צידונים איר זייט!

יונתן:

האַ?!

יונה:

וואָס וואָלט איך, כדומה למשל, געאַרט ווען, פאַרן זעלבן ווערן, ווערט איר, לאָמיר זאָגן, מצרים, צי אדומים, צי ארמים? וואָס — עס פעלט שוואַרץ־יאָרן?!

יולקח:

און וואָס האָבן מיר דיר געקוילעט די קאַפּאָטע, אַז מיר זיינען צידונים?

יונה:

וואָס זיי האָבן מיר געקוילעט די קאַפּאָטע, פרעגט ער! איר ווייסט נישט, אַז ס׳איז שוין פאַראַן צופיל צידונים?! אַלע... הם... צידונים זיינען געוואָרן צידונים! אפילו ביים

וואַלפיש אין בויך דאַרפן זיין, ניט אַנדערש, ווי זעקס שטיק צידונים ! ניט אַנדעריש !

**יונתן :**

גערעכט אפשר ביסטו, אָבער גיי טרעף.

**יונה :**

איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך גאָר זאָגן, רבותי ? דאָס גלייכסטע וועט זיין — אַז מיר קענען זיך ניט.

**יונתן :**

טאַקע אַזוי ! קום, יולקת ! (אָפגייענדיק אין אַ זייט) אַז יונה איז דאָביים וואַלפיש אין בויך, איז דער איידלשטיין אַזוי ווי ביי אונדז אין טאַש !

**יולקת :**

פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, יונתן !

(מיט געשריי און פייפעריי לויפן אַריין דער קאָמענדאַנט און דער סעקרעטאַר)

**קאָמענדאַנט :**

אהא, זיי זיינען דאָ !' נעם זיי !

**יולקת :**

כ'האָב מורא, דאָס מיינט ער אונדז, יונתן.

**יונתן :**

מיין האַר !

**קאָמענדאַנט :**

(וואָרטשענדיק) פתח־שין ! (און ווי פון אַ האַרמאָט) שאַ !

**יולקת :**

(אַ פאַרציטערטער) אוי, יונתן !

**קאָמענדאַנט :**

(צום סעקרעטאַר) בינד זיי פעסט ! (ער בינדט זיי; צו יונתנען) ווער זייט איר ?!

**יונתן :**

מיר זיינען...

**קאָמענדאַנט :**

ים־גזלנים זייט איר ! (אַ קלאַפּ אין גאָנג)

יולקח:

חלילה, מיין האַר!

קאָמענדאַנט:

איר האָט געוואָלט פאַנגען דעם האַר וואַלפיש!

יונתן:

אַ טעות!

קאָמענדאַנט:

(צום סעקרעטאַר) באַזוך זיי! (ער באַזוכט זיי) איך וועל אייך ווייזן!

סעקרעטאַר:

גאָרניט געפונען, האַר קאָמענדאַנט. בלויז אַ ביסל שטריק.

קאָמענדאַנט:

וועט זיין אויף וואָס זיי אויפצוהענגען!

יולקח:

אוי, וויי!

יונתן:

מיר זיינען אומשולדיק!

קאָמענדאַנט:

וואָס האָט איר געטאָן נעבן האַר וואַלפיש?!

יונתן:

(שטאַמלט) עס איז געווען פייכט אין דרויסן... דער ים... איז געווען נאַס...

קאָמענדאַנט:

וואָס?!

יונתן:

(ווי פריער) עס האָט געגאָסן אַ רעגן... האָבן מיר... האָבן מיר געוואָלט... אַ ביסל זיך אויסבאַהאַלטן...

יולקח:

יאָ, זיך אויסבאַהאַלטן פון רעגן!

יונתן:

אונטער די שווימפעדערן פון וואַלפיש...

יולכח:

יאָ, אונטער די שווימפּעדערן!

קאָמענדאַנט:

און מיט די שטריק — וואָס האָט איר דאָרט געטאָן ?!

יונתן:

מיט די שטריק?

קאָמענדאַנט:

יאָ!

יונתן:

מיר האָבן ניט געהאַט... קיין שירעם... האָבן מיר געוואָלט אויספלעכטן...

יולקח:

יאָ, אויספלעכטן אַ שטיקל שירעם!

קאָמענדאַנט:

אַ שירעם — פון שטריק ?!

יונתן:

מיר...

קאָמענדאַנט:

שווייגן! (פויזע) פון וואָס פאַר אַ פאָלק שטאַמט איר?

יונתן:

מיר זיינען צידונים, מיין האַר!

קאָמענדאַנט:

ווידער צידונים! פונוואַנען נעמען זיך אַזוי פיל צידונים אויף דער וועלט ?! יאַנידאַס!

יונה:

יאָ, מיין האַר.

קאָמענדאַנט:

דו קענסט זיי?

יונה:

דאָס הייסט...

יונתן:

(שרייט) קרוב, דבר לטובה!

יונה:

זיי זיינען מיר קענטלעך.

קאָמענדאַנט:

נו, מירן שפעטער זען. איצט האָב איך ניט קיין צייט. דער־ווייל נעם זיי צו דער אַרבעט. (צום סעקרעטאַר) בינד זיי אָפּ! (דער סעקרעטאַר בינדט זיי אָפּ) קאָנסט גיין! (דער סעקרעטאַר גייט אַרויס) אַרבעט, אַרבעט אַלע! שנעלער! (אַלע שטעלן זיך ווידער אַרבעטן) לעבעדיקער! זינגט! (זיי הויבן אָן צו ברומען „הויך דאָס קריגל, גיס און גיס”; צו יוינעכען) דו, קום אַהער!

יוינעכע:

(גייט צו צו אים) מיין האַר?

קאָמענדאַנט:

יאָנידאַ! יאָנידאַ! (פאַרמאַכט אַ ווײַלע די אויגן פון התלהבות) איך וויל ניט וויסן, ווי אַלט דו ביסט, יאָנידאַ!

יונה:

(שרייט פון וייטן) פינף און זיבעציק יאָר, האַר קאָמענדאַנט!

קאָמענדאַנט:

אפשר זיינען די יאָרן אין צידון קירצערע, ווי ביי אונדז. אין מיינע אויגן ביסטו ווי אַ יונגפרוי, וואָס וואַרט אויף איר חופה.

יונה:

(ווי פריער) אוראייניקלעך! אוראייניקלעך, האַר קאָמענ־דאַנט!

קאָמענדאַנט:

(הערט גאָרנישט) יאָנידאַ! דער פייער פון דיין בליק האָט דורכגעברענט מיינע אינגעווייד!

יוינעכע:

כ׳בין שוין צו אַלט פאַר אַזעלכע ווערטער, מיין האַר!

קאָמענדאַנט:

די געטער האָבן געוואָלט, דו זאָלסט זיך אָפּשיידן פון דיין מאַן! (יונה פאַרהוסט זיך) זיי האָבן דיך באַשערט פאַר מיר!

יוינעכע:

ס׳איז אוממעגלעך, מיין האַר! פאַרצייט!

**קאָמענדאַנט:**

יאָנידאַ! יאָנידאַ! (וויל זי אַרומנעמען; יוינאָווע לאָזט אַרויס אַ שרעקלעכן ברום, דער קאָמענדאַנט שרייט ווילד) וואָס וויל די אַלטע?!

**יוינעכע:**

זי איז טויב־שטום, מיין האַר. זייט איר מוחל!

**קאָמענדאַנט:**

הם! (וואָרטשעט בייז, באַרואיקט זיך, ציט אויס פּייערלעך די הענט) אַ, יאָנידא!!

**יונה:**

(לויפט צו) האר קאָמענדאַנט!

**קאָמענדאַנט:**

(פול מיט צאָרן, וואָס מען רייסט אים איבער) האַ?!

**יונה:**

איך מוז אייך אויפדעקן אַ סוד, האַר קאָמענדאַנט! עס איז אַ כשוף, אַ שרעקלעכער כשוף! צו יאָנידאן טאָר זיך נישט צורירן קיין שום מאַן. דעריבער האָט זי געמוזט זיך גטן. טאָמער חלילה באַרירט יאָנידאַן אַ מענלעכע האַנט, קאָן די וועלט חרוב ווערן.

**קאָמענדאַנט:**

די וועלט?!

**יונה:**

די גאַנצע וועלט, האַר קאָמענדאַנט! און ננוה אויך! און דער וואַלפיש אויך! און מיר אַלע! האָט רחמנות, האַר קאָמענדאַנט!

**קאָמענדאַנט:**

(אַ ביסל דערשראָקן; מורמלט) מכשפים! טפו, כשופמאַכער!... (הויבט אויף די אויגן צו יוינעכען און צעשמייכלט זיך באַלד) כשוף האָט ניט קיין האַפט. יאָנידא!

**יוינעכע:**

מיין האַר, דערבאַרעמט זיך!

**קאָמענדאַנט:**

(מיט פלאַם) יאָנידא! (נעמט זי אַרום, זי ווערט זיך, יוינאָווע רעוועט ווי אַ געקוילעטע)

יונה:

(איז צוגעשפרונגען צו יודברן) רב יודבר, ויהי קולות! אַ שטיקעלע דונער!

יודבר:

רבונו של עולם! (הויבט אויף די הענט צום הימל; ס׳דערהערט זיך אַ שרעקלעכער קנאַל פון אַ דונער; דער קאָמענדאַנט שפּרינגט אָפּ, ווי אַן אָפּגעבריטער, יוינעכע צעכליפּעט זיך)

קאָמענדאַנט:

וואָס טוט זיך דאָ?! פאַרשאָלטענע מכשפים! איך וועל אייך באַלד אַלעמען...! (האָט אויפגעהויבן די אויגן צו יוי־נעכען, צעשמייכלט זיך ווידער) ניין — כשוף איז אַן איינ־ריידעניש. (הייס) יאָנידאַ, דו האָסט מיין האַרץ באַצויבערט!

יוינעכע:

האָט רחמנות, מיין האַר! איך בעט אייך, רירט מיך ניט אָן!

קאָמענדאַנט:

(ווי פריער) יאָנידאַ! (מאַכט אַ טריט נעענטער צו איר. זי מאַכט אַ טריט צוריק)

יונה:

(נביאיש) זעט, זעט! עס דערנענטערט זיך די לעצטע שעה פון דער וועלט!

קאָמענדאַנט:

(חזרט זיינס) יאָנידאַ...

יונה:

בלינדע ווערן זעעוודיק! שטומע באַקומען לשון! זעט, האר קאָמענדאַנט, די טויב־שטומע נעבעך! (שטילער) שוויגער, דערלאַנגט!

יוינאָווע:

(שטעלט זיך אויף, ווי גרויס זי איז, לאָזט אַרויס אַ שרעקלעכן געברום, ווי פון אַ געקוילעטער בהמה, ביסלעכווייז באַקומט איר קול אַ מענטשלעכן קלאַנג און זי הויבט אָן בזה הלשון) אַ בראָך צו אייערע קעפּ! אַ קלאָג צו אייערע יאָרן! אַז קומען זאָל אויף אייך אַן אויסנעמעניש, אַ פאַרכאַפּע־ניש, אַ לויפעניש, אַ צעדולעניש!...

יונה:

(צו יודברן) פעטער, נאָך אַ מאָל!

יווינאָווע:

(זעצט פאַר מיט ברען און געשמאַק) אַ געדרייעניש, אַ פליע־ניש, אַ ברעכעניש, אַ צעפלאַצעניש, אַ... (יודבר האָט אויפגע־הויבן די הענט, אַ נייער קנאַל פון אַ דונער)

קאָמענדאַנט:

(זייער שטאַרק דערשראָקן, אָבער באַמיט זיך צו באַקעמפן זיין שרעק; חזרט כסדר) יאָנידאַ... יאָנידאַ...

יונה:

(צו יודברן) פעטער, צום דריטן מאָל — און ס'וועט מיידן. (הויך) זעט, אַ זעט, בני אדם! די ערד טרייסלט זיך אויף אירע פונדאַמענטן! די אָפּגרונטן הויבן זיך אויף! (יודבר האָט אויפגעהויבן די הענט; נאָך אַ קנאַל פון אַ דונער; אָבער גלייכצייטיק — אַ פייפעריי הינטער דער בינע און מיט אַ מאָל טוט אַ פאַל אַריין, ווי אַריינגעשטויסן, דער קאַפּיטאַן; אַלץ ווערט שטיל; דער קאַפּיטאַן שטעלט זיך גלייך אויף די פיס, קוקט זיך אַרום, שפייט אויס און ווענדט זיך צום קאָמענדאַנט, וואָס שטייט אַלץ ווי אין הינערפלעט)

קאַפּיטאַן:

טפו, קאָמענדאַנט! דער רוח כאַפּט דיך! כ'וואָלט גע־דאַרפט אויסבאַטלען צו דיין קאָפּ!

קאָמענדאַנט:

פתח שין! שאַ! שאַ!

קאַפּיטאַן:

ביסט משוגע, צי וואָס? דערקענסט מיך ניט?

קאָמענדאַנט:

(איז אַ ביסל געקומען צו זיך) אַ, דאָס ביסטו, קאַפּיטאַן?

קאַפּיטאַן:

וואָס איז דאָס פאַר אַ פירונג, קאָמענדאַנט?! מיך איינ־שלינגען?! איר וועט גוט באַצאָלן!

קאָמענדאַנט:

(נאָך אַלץ ווי פאַרטשאַדעט) זיי מוחל, קאַפּיטאַן, דער האַר

וואַלפיש האָט באַפוילן דיך צו ברענגען, דו זאָלסט אונדז העלפן זוכן יונהן.

קאַפּיטאַן:

וואָס ?!

קאָמענדאַנט:

האָסט אָנגעזאָגט, אַז יונה איז, פון דיין שיף, אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים, האָבן מיר אויסגעזוכט דעם גאַנצן ים — און נישט געפונען.

קאַפּיטאַן:

(צעלאַכט זיך הילכיק) ניט אַנדערש, דו ביסט שיכור, קאָ־מענדאַנט ! יונה שטייט דאָך נעבן דיר !

קאָמענדאַנט:

נעבן מיר ?!

קאַפּיטאַן:

אוודאי ! (ווייזט אויף יונהן) אָט איז ער ! דאָס איז דאָך יונה !

קאָמענדאַנט:

(מיט רציחה) דאָס איז יונה ?!

יונה:

(צום קאַפּיטאַן) מיין האַר, איר האָט אַ טעות...

קאַפּיטאַן:

אַ טעות ? (צעלאַכט זיך) אין מיטן נאַכט וואָלט איך דיך דערקענט ! צי האָב איך ניט אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט, דיך אַריינגעשליידערט אין וואַסער אַריין — דיך, מיט דיין יוינגעכע, מיט נאָך אַן אַלטער ? (קוקט זיך אַרום) אָט, זיי זיינען ביידע דאָ ! ווילסטו מיר איינריידן — אַ טעות ?!

יונה:

(שוואַך) מיין האַר...

קאָמענדאַנט:

שווייגן ! (פויזע; קאָן זיך נאָך אַליין ניט גלויבן) יונה ?! דו ביסט יונה ?! (פלוצלונג הויבט אָן שרייען ווילד, טאַנצן פאַר שמחה,

קלאַפּן אין גאַנג) דו ביסט יונה ! יונה ! אַלע זייט איר יונהס ! אַלע צידונים זיינען יונהס ! אַלע יונהס זיינען איצט אין מיינע הענט ! (שרייט שמחהדיק, ווענדנדיק זיך אין דער הייך) האַר וואַלפּיש, מיר האָבן דאָ יונהן ! מיר האָבן געפּאַקט יונהן ! (עס ענטפערט אים אַ גרויס געלעכטער היטער, נעמט די יונהס !

יוינאָווע:

געוואַלד, ס'אַז מיר שלעכט ! (וואַקלט זיך, חלשט)

יוינעכע:

(כאַפּט זי אונטער) מאַ...!

יונה:

(פאַרמאַכט יוינעכען דאָס מויל) חלילה, מיר זיינען זיך צו גאַרנישט מודה ! (מינטערט די שוויגער, שרייט) ע!...

יודבר:

(העלפט מינטערן) אַ!...

יוינעכע:

זי אָטעמט נישט !

יונה:

(אַ געדאַנק פאַלט אים איין, ער רופט) יאַנידאַדאַ !

יוינעכע:

זי ווערט קאַלט !

יונה:

(העכער) יאַנידאַדאַ !

יוינעכע:

(קאָן זיך מער ניט באַהערשן) זי שטאַרבט ! טוט עפּעס ! ראַטעוועט ! ראַטעוועט !

הערַאָלד:

(לויפט אַריין) וואָס איז געשען ?

יונה:

יאַנידאַדאַ איז פאַרביי !

הערַאָלד:

ווער ?!

יונה:

יאָנידאַדאַ! (ווייזט אויף דער שוויגער)

העראָלד:

אַ! (לויפט צו צו דער שוויגער, טרייסלט זי, רופט הויך) יאָנידאַדאַ! יאָנידאַדאַ! ס'איז שלעכט! מען דאַרף אַ דאָקטער! (ווענדט זיך צום עולם) ווער פון אייך איז דאָ אַ דאָקטער? (צו די קוליסן) און איר, וואָס שטייט איר דאָרט אַלע, ווי די ליימענע גולמס?! העלפט מינטערן!

חברה:

(לאָזט זיך אַריין, מיט אַ גרויסן טומל, מען שריים) וואַסער! יאָנידאַדאַ!

יוינעכע:

גאָט מיינער, זי לעבט ניט מער!

העראָלד:

שאַט, לאָזט מיך אויספרווון דעם לעצטן מיטל! (גייט צו צו יוינאָווען, רופט בנעימותדיק) שוויגער! שוויגער־לעב!

יוינאָווע:

(עפנט די אויגן) האַ?

העראָלד:

פע, שוויגער־לעב, מען שרעקט ניט אַזוי איבער קיין איי־געגנע מענטשן! פאַרוואָס האָט איר זיך ניט אָפגערופן?! מיר זיינען שוין הייזעריק געוואָרן שרייענדיק: יאָנידאַדאַ, יאָנידאַדאַ...

יוינאָווע:

(נאָךביים האַלב־באַוווסטזיין) האַ, דאָס האָט איר געמיינט מיך? (און פלוצלונג, דערמאָנענדיק זיך) אוי, העראָלד, זיי האָבן אונדז דערקענט?!

העראָלד:

און אַז יאָ, איז וואָס? צוליב דעם חלשט מען? איר האָט שוין ווידער מורא?

יוינאָווע:

וואָס רעדסטו, העראָלד?! וואָס וועט איצטער זיין?!

הערָאלד:

איצטער וועט זיין — אַן אַנטראַקט! די צווייטע טייל פון דער געשיכטע איז פאַרענדיקט.

דאָס קול:

יונה, יונה! באַלד ווער איך שוין פון דיר פטור! ביסט שוין געלעגן, יונה, אין וואַסער — איצט וועסטו ליגן אין פייער!

יונה:

וואַלפיש, וואַלפיש, אוודאי איז מיר זייער ביטער, אוודאי איז מיר זייער שלעכט. אָבער דיר, מיינסטו, וועט עס דען העלפן? אַז איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: רשעות האָט פאָרט נישט קיין האַפט! מיך וואַרפסטו אין וואַסער, מיך וואַרפסטו אין פייער, אָבער דו אַליין, וואַלפיש, גלויב מיר, דו וועסט אַלץ איינס ליגן אין דר׳ערד!

הערָאלד:

אמן!... (צו די שפילער) וואָס זאָגט איר, חברה? צו האָרכן און צו שטוינען! אנו, דערלאַנגט זשע נאָך אַ למנצח פאַר רב יונהן!

אַלע:

(זינגען) למנצח, למנצח!
למנצח ליונה!

פוירהאַנג

# דריטער אַקט

**העראָלד:**

(פאַרן פוירהאַנג) ויהי... און ס'איז געווען... און יונה האָט מתפלל געווען צו יהוה זיין גאָט, פון די אינגעווייד פון דעם פיש און גאָט האָט געהייסן דעם פיש און ער האָט אויסגעשפּיגן יונהן אויף דער יבשה...

וועל איך אייך איצט, מיינע דאַמען און קאַוואַלירן
צו יונהס תפילה און צום אויסשפּייען טאָן פירן
אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
יונהס צרות, דו מיין (פאַרשווינדט)

(דער פוירהאַנג גייט אויף; דאָס זעלבע אָרט, ווי אין צווייטן אַקט. יונה, יוינעכע, יוינאָווע, יודבר, יונתן, יולקה און יורצון אַר־בעטן מידע, דערשעפּטע, באַוועגן קוים די הענט; זינגען שטיל)

הויך דאָס קריגל, גיס און גיס
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס

**יוינאָווע:**

רב יודבר!

**יודבר:**

יאָ?

**יוינאָווע:**

עס האַלט נעבעך שמאָל מיט אונדז, האַ?

**יודבר:**

די ישועה איז ביי גאָט ברוך הוא.

**יוינאָווע:**

כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, רב יודבר: ווי שלעכט עס איז ניט איצטער, איז מיר אַלץ בעסער ווי פריער. ס'איז דאָך ממש געווען, חלילה, אַ מינוט צום טויט! אַ מענטש זאָל נישט טאָרן עפענען דאָס מויל! ניט אַנדערש, די אַפּאָפּלעקציע אויפן אָרט, חס ושלום!

יודבר:

(זיפצט) אוי, וויי! (צעשאָקלט זיך מיט גרויס כוונה,רעדט מיט אַ ניגון) די וואָס האַלטן זיך אין פאַלשע נישטיקייטן, פאַרלאָזן זייער גנאָדיקן... אָבער איך וועל שלאַכטן צו דיר מיט אַ קול פון דאַנקעניש...

יוינאָוע:

אמן! (קורצע פויזע) רב יודבר!

יודבר:

נו?

יוינאָוע:

וואָס וועט איר שלאַכטן, רב יודבר? אַ ציגנבאָק?

יודבר:

אַ ציגנבאָק.

יוינאָוע:

צי אפשר גאָר אַ שעפּס אַ יאָריקן?

יודבר:

ס׳קאָן זיין אַ שעפּס אַ יאָריקער אויך. עס שטייט געשריבן...

יוינאָוע:

(רייסט אים איבער) אוי, רב יודבר, ווי איר ווייסט עס, קיין עין־הרע, אַלץ וואָס עס שטייט געשריבן!

יודבר:

עט! (מיטן ניגון) איך בין פאַרטריבן פון דיינע אויגן, אָבער איך וועל ווידער קוקן אויף דיין הייליקן טעמפּל... וואָס איך האָב אַ נדר געטאָן, וועל איך באַצאָלן...

יונתן:

(וואָס איז די גאַנצע צייט אַרומגעקראָכן מיט די לעצטע כוחות, געקלאַפּט אין די ווענט און אין דער פּאָדלאָגע, שרייט פלוצלונג אויס מיט שמחה) יולקח! קום אַהער, יולקח!

יולקח:

(שלעפּט זיך צו; גלייכגילטיק) וואָס איז, יונתן?

יונתן:

האָסט געהערט, וואָס יודבר האָט געזאָגט?

יולקח:

ניין.

יונתן:

ער האָט געזאָגט: וואָס איך האָב אַ נדר געטאָן, וועל איך באַצאָלן. (מיט אַ גליקלעך־ציטערדיקער שטימע) יולקה!

יולקה:

הא?

יונתן:

איצט ווייס איך, ווי צו געפינען דעם איידלשטיין! איך ווייס, יולקה! מיר דאַרפן טאָן אַ נדר!

יולקה:

זאָל זיין אַ נדר.

יונתן:

לאָמיר טאָן אַ נדר, אַז אַ העלפט פון איידלשטיין וועלן מיר אַוועקגעבן פאַרן בית־המקדש!

יולקה:

זאָל זיין אַ העלפט פון איידלשטיין. (פלוצלונג, ווי אויפגעכאַפּט זיך) וועמענס העלפט — מיינע, צי דיינע?!

יונתן:

ביידנס, יולקה, ביידנס! איז אַ נדר, הא?

יולקה:

(ווידער גלייכגילטיק) אַ נדר.

יונתן:

איצט וועלן מיר אים געפינען! וועסט זען!

יולקה:

מירן גאָרנישט געפינען! דאָ איז ניטאָ קיין איידלשטיין! מיר וועלן סיי ווי פון דאַנען קיין לעבעדיקע ניט אַרויס!

יונתן:

(ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט) זוך, זוך יולקה! (זוכן)

יונה:

מיין ווייב!

יווינעכע:

יאָ, יונה.

יונה:

איך טראַכט אָפּט: ווייל איז געווען צו שמשון הגבור, אַז ער האָט געקאָנט זאָגן — תמות נפשי עם פלשתים, זאָל

אומקומען מיין זעל צוזאַמען מיטן שונא. דאָס איז אַ גרויסע זכיה און אַ גרויסע טרייסט.

**יווינעכע:**

יאָ.

**יונה:**

און מיר ?! שוין באַלד דריי מעת־לעת, ווי מיר זיינען דאָ. נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, ווען זיי וועלן זיך אַרומזען אַז אין די קריגלעך איז ניטאָ קיין גאָלד... (ענדיקט ניט. פויזע) כ׳האָב געדאַרפט גיין קיין ננוה, מיין ווייב ! איך האָב געדאַרפט גיין קיין ננוה ! מען טאָר נישט אַנטלויפן פון אַזאַ שליחות !

**יווינעכע:**

ס׳איז פאַרפאַלן, יונה.

**יונה:**

יאָ, פאַרפאַלן... קלער איך טאַקע די גאַנצע צייט — דער וואַלפיש האַלט אונדז געפאַנגען, אָבער מיר געפינען זיך דאָך אין זיינע אינגעווייד. שטעל זיך פאָר (שטילער) ווען מיר צינדן אונטער דעם גאַנצן פישטראָן, וואָס איז דאָ פאַראַן — וואָס וואָלט דאַן געווען ?

**יווינעכע:**

(קוקט אים אָן אַ ווײַלע) וואָלט דער וואַלפיש אויפגעריסן. (און נאָך אַ קורצער פויזע) מיט אונדז אינאיינעם.

**יונה:**

(נעמט זי אָן פאַרביידע הענט) מיין ווייב, לאָמיר אויפרייסן דעם וואַלפיש ! סיי ווי, פאַרלירן האָבן מיר גאָרנישט ! צו געווינען אָבער — דעם טויט פון די פלשתים. האַ ?

**יווינעכע:**

(נאָך אַ פייזע) דער אויבערשטער זאָל אונדז צושיקן כוחות.

**יונה:**

(רייסט זיך אויף פון פלאַץ, רופט פיבערדיק) יורצון ! יורצון ! (יורצון גייט צו) הער : איין עובדה איז אונדז נאָך פאַר־בליבן, די לעצטע — אויפרייסן דעם וואַלפיש ! אויפרייסן — כל זמן ס׳איז נאָך צייט ! אונטערצינדן דעם גאַנצן פישטראָן פון די אינגעווייד ! ס׳זאָל פון וואַלפיש קיין זכר ניט בלייבן !

יורצון:

און — מיר ?!

יוינעכע:

מיר... (מאַכט מיט דער האַנט)

יונה:

אויב שוין יאָ אומקומען, איז ניט גלייכער צוזאַמען מיטן שונא?

יורצון:

(ווילד) אָבער איך וויל נישט אומקומען, הערסט?! איך וויל לעבן! (פויזע) אויפרייסן, זאָגסטו? אונטערצינדן דעם גאַנצן פישטראָן איז אַ זיכערער טויט, אָבער... וואַרט! זעסט דעם קעסל, וואָס איז איינגעמויערט אין אָט דער זייט? אויב מען זאָל אונטערצינדן דעם פישטראָן פון דעם קעסל, וועט דער קעסל אויפרייסן און פון אויפרייס קאָן דער גאַנצער בויך פון וואַלפיש ווערן דורכגעלעכערט. דאַן זיינען מיר פריי. פריי! יונה, דו פאַרשטייסט?! פריי! דער וואַלפיש שווימט איצט אויף דער אויבערפלאַך פון ים. אַ צעוואונדיקטער, וועט ער זיך נאָך אונדז ניט יאָגן. און מיר קאָנען האָבן שווימגאַרטלען! גומענע שיפלעך אפילו! איך ווייס ווו צו נעמען! מיר וועלן זיין פריי! (קאָן זיך מער ניט באַהערשן, שרייט) מיר וועלן זיין פריי!

יונה:

שטילער, ביסט נישט ביים זינען! דו ווייסט, ווו עס ליגן שיפלעך?

יורצון:

יאָ, איך ווייס! ניט ווייט פון קאָמענדאַנטס קאַמער. איך קאָן דעם וועג אַהין. מען דאַרף גיין תיכף. דער קאָמענדאַנט איז איצט ביים רודער. מען טאָר ניט פאַרלירן קיין איין רגע! יונה, מירן זיין פריי! יונה, מירן לעבן! קום מיט מיר! קומט עמיץ מיט מיר! מען מוז שטיין אויף דער וואַך!

יוינעכע:

איך וועל גיין, יונה.

יונה:

(נאָך אַ קורצער פויזע) גיי, מיין ווייב. זייט מצליח!

יורצון:

און דו — גרייט אַלעמען צו! (גייט אַרויס מיט יוינעכען)

יונה:

רב יודבר!

יודבר:

יאָ?

יונה:

זייט מוחל אַ רגע. (יודבר גייט צו) רב יודבר, מיר גייען אויפרייסן דעם וואלפיש.

יודבר:

וואָס?!

יונה:

אויב ס'וועט אונדז געלינגען, קאָנען מיר באַלד ניצול ווערן.

יודבר:

מען דאַרף האָבן בטחון, יונה.

יונה:

מיר וועלן אַלע אָנטאָן שווימגאַרטלען. ווי נאָר דער אויפרייס וועט מאַכן די קלענסטע עפענונג — שפרינגען מיר אין ים.

יודבר:

גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

יונה:

איך וויל אייך בעטן, רב יודבר,ביים לויפן זאָלט איר אַכ־טונג געבן אויף דער שוויגער מיינער.

יודבר:

נו, נו!

יונה:

שוויגער־לעב!

יוינאָוועע:

(גייט צו) וואָס, יונה?

יונה:

נעמט זיך אָן מיט מוט, שוויגער. מיר וועלן באַלד דאַרפן שפרינגען אין ים.

יוינאָוועע:

ווײ איז מיר!

יונה:

מיר אַנטלויפן. רב יודבר וועט אייך שוין דערציילן. איך גיי ריידן מיט זיי. (ווייזט אויף די אוצרות־זוכער) יעדע רגע איז טייער. (גייט צו יונתן און יולקה, רעדט מיט זיי אין דער שטיל)

יוינאָווע:

רב יודבר!

יודבר:

הא?

יוינאָווע:

ס'איז טאַקע אמת? שפּרינגען אין ים?

יודבר:

ס'איז אמת.

יוינאָווע:

מיר וועלן דאָך אַלע חלילה... (צעוויינט זיך שטיל)

יודבר:

גאָטס גענאָד איז גרויס. מיר וועלן האָבן שווימגאַרטלען.

יוינאָווע:

(וויינענדיק) איינע אַליין! איינע אַליין אויף אַזאַ וויסטן ים!

יודבר:

איך וועל... כ'וועל שווימען נעבן אייך... כ'וועל אַכטונג געבן...

יוינאָווע:

(דורך טרערן) אוי, רב יודבר, ניט אַנדערש, איר זייט אַ מלאך פון הימל!

יודבר:

(ענערגיש) חלילה! חלילה!

יוינאָווע:

אַ צדיק זייט איר, אַ ליכטיקער צדיק! (עס קומט אַריין יוינעכע און יורצון, ביידע באַלאָדן)

יוינעכע:

יונה! (ער לויפט צו צו איר) מיר האָבן אַלץ!

יורצון:

נא, זע! צוויי שיפלעך!

**יווינעכע:**

שווימגאַרטלען פֿאַר אַלעמען!

**יורצון:**

פּראָוויאַנט אויף מער ווי אַ מעת־לעת!

**יווינעכע:**

אַפילו אַ שטאָלקאַרץ אויף אונטערצינדן דעם פּישטראָן!

**יונה:**

לאָמיר נישט פֿאַרלירן קיין צייט! יורצון, איין שיפּל האַלט דו, דאָס צווייטע גיב מיר. טוט אַלע אָן די גאַרטלען!

**יונתן:**

(אַלע טוען אָן)

(שטיל) יולקח! אפשר בלייבן מיר, יולקח?

**יולקח:**

ביסט נישט אַמאָל געפֿאַלן אויפֿן קאָפּ, יונתן?

**יונתן:**

און אונדזער אוצר?!

**יולקח:**

דערמאָן מיר נישט מער וועגן אוצר! אויס אוצרות!

**יונה:**

יורצון, דו שפּרינגסט דער ערשטער, איך — דער לעצטער!

**יורצון:**

גוט!

**יונה:**

גייט אַלע אָפּ אין אַ זייט! (אַלע גייען אָפּ)

**יווינאָווע:**

רבונו של עולם!

**יונה:**

צינד אָן דעם שטאָלקאַרץ, מיין ווייב! (יווינעכע צינדט אָן) גיב!

**יווינעכע:**

(גיט נישט) ניין, יונה. איך גיי אויך.

**יונה:**

איינער איז גענוג. ס'איז אַ סכנה.

יוינעכע:

ווייל ס'איז אַ סכנה — וויל איך זיין מיט דיר. קום, יונה!

יונה:

(קוקט זי אָן אַ ווײַלע, געריִרט) קום, מיין ווייב! (צו די איבעריקע) לייגט זיך אַלע אויס אויף דער ערד, כדי ניט אומצופאַלן פון אויפרייס. (גייט אַרויס מיט יוינעכען)

יוינאָווע:

האָב רחמנות, טאַטע־פאָטער! האָב רחמנות!

יונה און יוינעכע:

(טוען אַ שפרונג אַריין, ציען זיך אויס אויף דער ערד) פאַרזיכ־טיק! (עס הערט זיך אַ קנאַל פון אַן אויפרייס)

יוינאָווע:

געוואַלד! (דאָס ליכט לעשט זיך אויס; אַ רויטער אָפּשיין פון אַ שרפה הויבט זיך אויף פון לינקס; הינטער דער בינע ברעכט אויס אַ טומל, אַ פּייפּעריי)

יוינעכע:

יונה!

יונה:

וואָס, מיין ווייב?

יוינעכע:

דאָס האָט אויפגעריסן די אויסנווייניקסטע זייט?

יונה:

דוכט זיך.

יוינעכע:

און די אינעווייניקסטע? (אַ קנאַל פון אַ צווייטן אויפרייס, אַ שטאַרקערן)

יוינאָווע:

אוי! (עפּעס פאַלט, אין דער פינצטער, מיט אַ טומל; עמיץ קרעכצט; די פייפעריי הינטער דער בינע ווערט שטאַרקער, דער אָפּשיין פון דער שרפה לעשט זיך פלוצלונג אויס)

יוינעכע:

יונה! (ער ענטפערט ניט; זי רופט העכער) יונה! (ער ענטפערט אַלץ ניט; זי רופט מיט פחד) יונה! יונה!

**יונה:**

(ווי אויפכאַפּנדיק זיך) האַ?! (שפּרינגט גלייך אויף) אַלע זיינען גרייט?

**יווינעכע:**

זע, די שרפה איז עפּעס פּלוצלונג געוואָרן פאַרלאָשן.

**יונה:**

יורצון!

**יורצון:**

יונה!

**יונה:**

שפּרינג, יורצון! זייט אַלע גרייט! (עפּעס באַוועגט זיך אין דער פינצטער, פּלוצלונג הערט זיך יורצונס קול, פול מיט אַנגסט)

**יורצון:**

יונה! יונה! נישטאָ קיין שום עפּענונג!

**יונה:**

ס׳איז ניט מעגלעך, יורצון! זוך גוט!

**יורצון:**

קום, זע! גאָרנישט!

**יונה:**

איך גיי. (גייט אַרויס, אַ גרינלעכע ליכט הויבט אָן זיך שפּרייטן ביסלעכווייז, אומבאַמערקבאַר)

**יודבר:**

(הויך) פון דעם בויך פון דער אונטערערד האָב איך געשריגן, האָסטו צוגעהערט צו מיין קול...

**יונה:**

(קומט אַריין) קיין שום עפּענונג נישט! (ווי אַן ענטפער, צעקלינגט זיך פון דער הייך דאָס טריומפירנדיקע קול פון וואַלפיש)

**דאָס קול:**

יונה, יונה, דיין שפּיל איז אויסגעשפּילט! איצט ווער איך פון דיר לסוף פּטור! (לאַכט לאַנג)

**יונה:**

(שטיל) ביסט גערעכט וואַלפיש. יאָ, מיין שפּיל איז אויסגעשפּילט. (זינגט מיט אַ קול פול טרערן) למנצח!... למנצח ליונה!... (צעוויינט זיך, ווי אַ קינד)

יזינעכע:

(שטיל) יונה!

יונה:

(הויבט אויף דעם קאָפּ) וואָס, מיין ווייב?

יזינעכע:

עס שטייט געשריבן: פאַרנעם מיין געשריי, וואָרום איך בין געפאַלן זייער...

יונה:

יאָ, מיין ווייב.

יזינעכע:

נאָר, חלילה, ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך!

יונה:

יאָ. (טראַכט אַ ווײַלע) עס שטייט אויך געשריבן: ווער ס'איז געבענטשט מיט אַ גוטע ווייב — איז ווויל צו אים אַלע טעג פון זיין לעבן און ווויל צו אים אויך אין דער רגע פון זיין טויט.

יזינעכע:

אונדזערע קינדערלעך, זאָלן זיין געזונט, זיינען אויסער יעדער סכנה, ביי גוטע מענטשן.

יונה:

יאָ, מיין ווייב.

יזינעכע:

געלויבט איז גאָט דערפאַר.

יונתן:

(ווילד) דער אוצר! (לויפט צו צו דער וואַנט, פון וועלכער עס פאַלט דאָס גרינלעכע ליכט) דער איידלשטיין! יולקת, דער אוצר!

יולקח:

ווו?!

יונתן:

אָט איז ער! אָט איז ער, יולקח! אָט איז דער איידלשטיין! זע, ווי ער לייכט! ווי די שטערנס אין הימל! ווי די לבנה!

יונה:

זעט נאָר, ער איז דאָך גערעכט! טאַקע אַן איידלשטיין!

יונתן:

נו, וואָס ?! כ׳האָב געזאָגט — איך וועל געפינען! וואָס, יולקח ?! מיין אוצר! מיין אוצר!

יולקח:

וואָס עפּעס דיינער, יונתן ?! אונדזערער!

יונתן:

מיינער! האָסט נאָר וואָס אַליין געזאָגט — דו ווילסט מער ניט וויסן פון אוצר!

יולקח:

און וואָס, אַז איך האָב געזאָגט, יונתן ?!

יונתן:

האָסטו געזאָגט! איז פאַרפאַלן, יולקח! איז דער אוצר מיינער!

יולקח:

אַזוי ?!

יונתן:

אַזוי!

יולקח:

יונתן, איך רוף דיך צו מענטשן! יונתן, איך רוף דיך צום רב!

יונתן:

און פאַרוואָס ניט צו דער רביצן ?! (לאַכט, ווי משוגע)

יונה:

(וואָס האָט די גאַנצע צייט באַטראַכט דעם איידלשטיין; פּלוצלונג שווייגטביידע! (זיי ווערן שטיל) ווער קען זיך דאָ אויף ליכט־סיגנאַלן ?

יורצון:

איך, יונה. כ׳בין געווען סיגנאַלער אויף אַ שיף.

יונה:

(ציטערט אינגאַנצן) יורצון! יורצון! אונדזער לעצטע האָפענונג! (צו די אוצרות־זוכער) שטעלט צו דעם איידלשטיין צום פענצטערל! שנעלער! ביסט גרייט, יורצון?

יורצון:

איך בין גרייט.

יונה:

שיק סיגנאַלן! ס.אָ.ס.! נויט־רוף צו דער וועלט! נויט־רוף צו די מענטשן!

יורצון:

(סיגנאַליזירט פיבערהאַפט) ...צו די מענטשן!

יונה:

מען האָט אונדז אַריינגעוואָרפן אין דער טיפעניש, אין האַרצן פון די ימען!

יורצון:

(סיגנאַליזירט) ...פון די ימען!

יונה:

וואַסערן רינגלען אונדז אַרום ביזן נפש, דער תהום האָט אונדז אַרומגענומען! העלפט!

יורצון:

(ווי פריער) ... העלפט!

יונה:

צו די גרונטן פון די בערג האָבן מיר געניזערט, די ערד האָט פאַרשלאָסן פאַר אונדז אירע ריגלען! ראַטעוועט! ראַטעוועט!

יורצון:

(ווי פריער) ...ראַטעוועט!

יונה:

חזר איבער דעם רוף! שיק די סיגנאַלן אויף מערב! (יורצון סיגנאַליזירט אָן אויפהער)

יורצון:

איך זע סיגנאַלן פון ווייטן! מען פרעגט...

יונה:

וואָס?!

יורצון:

מען פרעגט: ווער זייט איר?

יונה:

ענטפער: די יונהס פון וואַלפיש!

יורצון:

(סיגנאַליזירט) פון וואַלפיש... מען פרעגט ווייטער: ווו געפינט איר זיך?

יונה:

ענטפּער: ביים וואַלפיש אין בויך! וואָס מאַכן זיי זיך קעלביק ?! (יורצון סיגנאַליזירט) נו?

יורצון:

פינצטער. אָט, מען ענטפערט! (לייענט די סיגנאַלן) גאָט וועט אייך העלפן... זיי זאָגן: גאָט וועט אונדז העלפן!

יונה:

ענטפער: אַ רוח אין זייער טאַטנס־טאַטן אַריין! אַז גאָט וועט העלפן ווייסן מיר אַליין! (צו יורצונען, וואָס וויל סיגנאַליזירן) ניין, ניין, מען דאַרף ניט! זאָל עס בלייבן צווישן אונדז!

יורצון:

זיי ריידן ווייטער! (לייענט) האָט... געדולד...

יונה:

געדולד ?!

יורצון:

(לייענט) דערוויילע... זאָגט... תהילים... זיי הייסן אונדז זאָגן תהילים!

יונה:

איר הערט, רב יודבר ?! אייך — אייך עצהן זיי צו זאָגן תהלים! יורצון, דריי אויס דעם איידלשטיין! שיק די סיגנאַלן אויף מזרח! זאָג גלייך: עס רופן די יונהס פון וואַלפיש! נו ?!

יורצון:

גאָרנישט דערוויילע. (פויזע) סיגנאַלן! (לייענט) מיר קו־מען... מיר... זיינען... שוין... נאָענט... זיי זאָגן: זיי זיינען שוין נאָענט!

יזינאָווע:

נאָענט ?! אוי, אַ געזונט אין זיי!

יורצון:

(לייענט) דעם וואַלפיש... וועלן מיר... באַלד... צערייבן... אויף קאַשע...

יזינאָווע:

אויף קאַשע ?! אוי, אַ לעבן אין זיי!

**יורצון:**

(לייענט) יונהס... האַלט זיך... פעסט... זיי הייסן אונדז זיך האַלטן פעסט!

**יונה:**

רוף נאָך, יורצון! שטעל ניט אָפּ אונדזער רוף! (יורצון סיגנאַליזירט)

**יוינאָווע:**

רב יודבר!

**יודבר:**

האַ?

**יוינאָווע:**

ווי רעכנט איר, רב יודבר? ביז וואַנען ס'וועט קומען די נחמה, קאָן ניט אַרויסגיין אַמאָל די נשמה? (צעכליפּעט זיך)

(ס'ווערט פּלוצלונג שטאַרק ליכטיק אויף דער בינע; פון הינטער די קוליסן הערט זיך אַ גרויסע באַוועגונג)

**יוינעכע:**

זיי גייען אַהער!

(עס קומט אַריין אַ לאַנגע פּראָצעסיע; דער ערשטער גייט דער קאָמענדאַנט, נאָך אים — דער סעקרעטאַר; הינטער זיי די גאַנצע מאַנשאַפט; זיי שטעלן זיך אויס פייערלעך־קאָמיש)

**קאָמענדאַנט:**

פאַר די האַרן יונהס — וויוואַט!

**מאַנשאַפט:**

וויוואַט! וויוואַט! וויוואַט!

**סעקרעטאַר:**

פאַר אונדזערע טייערע געסט — וויוואַט!

**מאַנשאַפט:**

וויוואַט! וויוואַט! וויוואַט!

**יונה:**

וואָס... וואָס טוט זיך דאָ?!

**קאָמענדאַנט:**

מאַנשאַפט, כיבוד פאַר די גנעדיקע האַרן!

סעקרעטאַר:

דאָס שענסטע און בעסטע פאַר די אידעלע געסט!

(די מאַנשאַפט טראָגט אַרום כיבוד)

יונה:

רירט זיך נישט צו! ס'איז סם!

קאָמענדאַנט:

אויב אַזוי, וועל איך דער ערשטער פאַלן טויט! (פאַרזוכט פון אַלץ)

סעקרעטאַר:

עס לעבע די יונהס!

יונה:

וואָס... איז געשען?

קאָמענדאַנט:

מאַנשאַפט, פאַרווײַלט די גנעדיקע הארן!

סעקרעטאַר:

טאַנצט און זינגט פאַר די ליבע געסט!

קאָמענדאַנט:

אַ מה־יפית טענצל! (די מאַנשאַפט זינגט מה־יפית; דער קאָמענדאַנט און דער סעקרעטאַר טאַנצן ביידע, מאַכן ווילדע העוויות, ווילן אַריבערשטייגן איינער דעם צווייטן; ביים ענדיקן פאַרנייגן זיי זיך פאַר יעדערן)

קאָמענדאַנט:

(נויגט זיך) די האַרן יונהס זיינען די בעסטע מענטשן אויף דער וועלט!

סעקרעטאַר:

(דאָס זעלבע) די טייערסטע לייט! די קליגסטע הארן!

יונה:

(פאַרשטייט אַלץ נישט) וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן?!

קאָמענדאַנט:

טייערער האר יונה!

סעקרעטאַר:

ליבער פריינט!

**ביידע:**
וואָס געוועז, איז געוועז!

**סעקרעטאַר:**
דער האַר וואַלפּיש האָט געזען די סיגנאַלן!

**קאָמענדאַנט:**
(צום סעקרעטאַר) האַלט ס'מויל!

**סעקרעטאַר:**
האַלט אַליין ס'מויל! (צו יונהן) דער האַר וואַלפּיש האָט געזען די שטראַלן. מיר האָבן אַלע געזען. פאַרוואָס קומט עס אונדז — צערייבן אויף קאַשע? וואָס זיינען מיר נעבעך שולדיק?! (צעוויינט זיך, די גאַנצע מאַנשאַפט קלאָגט)

**קאָמענדאַנט:**
האַר יונה, מיר שלינגען אייך אויס!

**יונה:**
וואָס?!

**סעקרעטאַר:**
די מינוט, אויב איר ווילט!

**קאָמענדאַנט:**
אָט די רגע! מיר שווימען איצט ביי אַ ברעג!

**סעקרעטאַר:**
איר וועט גלייך אַרויף אויף דער יבשה!

**קאָמענדאַנט:**
אַ שיף אפילו איז דאָרט גרייט!

**יונה:**
(קאָן זיך נאָך אַלץ נישט גלויבן) איר שלינגט אונדז אויס? באמת?!

**קאָמענדאַנט:**
אָט, זע אַליין, גנעדיקער האַר! (רופט) פּאַניע וואַלפּיש — אויסשלינגען! (צו יונהן) קומט, עקסעלענץ! (צו אַלעמען) קומט, ליבע האַרן יונהס! (ער פאַרנויגט זיך, די גאַנצע מאַנשאַפט פאַרנויגט זיך)

יונה:

קומט, ברידער! קומט אַרויס פון וואַלפיש! (מוזיק; די יונהס הויבן אָן גיין; דער וואַלפיש עפנט זיך; ס'באַווייזט זיך אַ זוניקער ברעג, אויף וועלכן אַלע גייען אַרויף)

ייִנאָווע:

(כליפענדיק) אוי, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! אַ דאַנק פאַר דער ליכטיקער שיין!

יודבר:

געלויבט און געפרייזט ביסטו, אַלמעכטיקער פאָטער אין הימל! (יונתן און יולקח גייען אַרויס צוזאַמען, האַלטנדיק דעם איידלשטיין און קושנדיק אים פאַר גרויס שמחה; דער וואַל־פיש פאַרשווינדט ביסלעכווייז אין אַ זייט, ווי ער וואָלט אָפּגע־שווומען; אויף זיין אָרט באַווייזט זיך אַ שיף)

קאָמענדאַנט:

נו, פטור אַן עסק! האָט מיר אַ גליקלעכן שליטוועג, האַרן יונהלעך!

סעקרעטאַר:

מיר ציען אָפּ, ווי די באַן!

יונה:

(קוקט זיי אָן, צעשמייכלט זיך, נעמט זיי אָן פאַר אַ האַנט) וואַרט אַ ווײלע! וואָס איז דער געאייל? געוויס נישט צוליב די סיגנאַלן, האַ? סתם אַ שאָד די צייט? איר ווילט זיך אָפּ־טראָגן אַ ביסעלע ווייטער און זיך אויפסניי נעמען רעכט צו דער מלאכה, וואָס? (בייט פלוצלונג דעם טאָן) יורצון, גיי בינד דעם וואַלפיש! שנעל! לאָז אים נישט אַוועק!

יורצון:

גוט, יונה! (ער לויפט אַרויס)

קאָמענדאַנט:

האַר יונה, אום גאָטעס ווילן!

סעקרעטאַר:

מיר זיינען אומשולדיק!

ביידע:

מיר טוען תשובה!

יונה:

ווי זאָגט איר — תשובה ?!

קאָמענדאַנט:

פון גאַנצן האַרצן, האַר יונה!

סעקרעטאַר:

דער האַר וואַלפיש טוט אויך תשובה! (רופט) נישט אמת, האַר וואַלפיש ?!

דאָס קול:

(פון הינטער דער בינע, מיט אַ וויינענדיקן ניגון) תשובה! תשובה!

קאָמענדאַנט:

די גאַנצע מאַנשאַפט טוט תשובה! (די מאַנשאַפט גיט אַ פאַל אויף די קני און הויבט אָן אַ גרויס געיאָמער)

שטימען:

— מירן פאַסטן תעניתים!

— זיך אָנטאָן אין זעק!

— די קעפּ מיט אַש באַשיטן!

— רחמים!

אַלע:

(מיט אַ קלאָג־ניגון) תשובה! תשובה!

יודבר:

(ציטערט ממש פון התפעלות) יונה, יונה! גאָט איז גרויס! זיינע נסים זיינען אומבאַשרייבלעך!

ערשטער מאַן:

(לויפט אַרויס פון צווישן דער מאַנשאַפט, ציט זיך אויס פאַר יונהן) מיר טוען קלאָגן צו דיר אַ גרויס געקלאָג, אָ אַלמעכטיקער יונה פון די יונהס!

צווייטער מאַן:

(דאָס זעלבע) אונדזער זעל האָט חרטה אויף אַלדאָס בייז, אָ באַרמהאַרציקער האַר פון די האַרן!

אַלע:

(מיט אַ קלאָג־ניגון) תשובה! תשובה!

יודבר:

יונה, תשובה איז אַ גרויסע זאַך! די בחינה פון אַ בעל־תשובה איז הויך, יונה!

**יונה:**

(אַ ביסל פאַרלוירן) וואַרט, רב יודבר! עפּעס האָב איך ערגעץ ווו געטראָפן אָט די צוויי בעלי־תשובה. זייער קול איז מיר שטאַרק קענטלעך. (ער גייט צו צום ערשטן מאַן, טוט אָ הויב דעם מלבוש. מיט וועלכן ער איז צוגעדעקט) נו יאָ, ער איז דאָך מיט אונדז אויף דער שיף געפאָרן! אָט איז דאָך מיין שפּענצער, מיין גאַרטל!

**ערשטער מאַן:**

(כאַפּט אַרויס אַ מעסער) האַלט ס׳מויל, וואָרום איך לאָז דיר אַרויס די קישקעס פון בויך! (פאַרדעקט זיך שנעל דאָס געזיכט)

**יונה:**

(גייט צו צום צווייטן מאַן, קוקט אים אַריין אין פּנים) דאָס האָט ער דאָך ביי מיר צוגענומען דאָס געלט אויף דער שיף!

**צווייטער מאַן:**

(כאַפּט אַרויס אַ מעסער) שווייג, וואָרום דו ביסט מיטן לעבן נישט זיכער!

**ביידע מענער:**

(הויך, מיטן קלאָג־ניגון) תשובה!

**אַלע:**

(נאָך זיי) תשובה! תשובה!

**יונה:**

(מיט אַ שמייכל) נו, רב יודבר, וואָס זאָגט איר איצט צו אייערע בעלי־תשובה?

**קאָמענדאַנט:**

האַר יונה, נעם זיך נישט איבער מיט קלייניקייטן! לאָז אונדז גיין — מירן דורכקומען סוחריש! די האַרן יונהס זיינען דאָך מסחר־לייט! זיי פאַרשטייען, אַז אַלץ אויף דער וועלט האָט אַ פּרייז!

**סעקרעטאַר:**

און מיר צאָלן אַ פעטן פּרייז, יונה! אַ פּרוטה פאַר אַ מעסטל יסורים! אַ רענדל פאַר אַ טייך טרערן! אַ טאָלער פאַר אַ ים בלוט!

קאָמענדאַנט:

מה רעש ?! וואָס ווילט איר נאָך ?! מירן משלם זיין!

סעקרעטאַר:

מיר זײנען פײנע לײט — גוט און פרום, מיט אַלע מעלות!

יונתן:

(כאַפּט אָן יונהן פאַר אַ לאַץ, שלעפּט אים אָפּ אין אַ זייט) יונה, לעולם תקח!

יולקח:

(נאָך אים) אַז מען גיט — נעמט מען, יונה!

יונתן:

קוק נישט צו פיל אַריין! מען קאָן קיינעם נישט הייסן עפענען דאָס האַרץ!

יולקח:

גענוג, אַז מען עפנט די קעשענע!

יונתן:

שאַ, וואָס דאַרפסטו מער — עס שטייט בפירוש געשריבן, אַז אפילו די רשעים פון נגוה...

יולקח:

אפילו זיי, ווען זיי האָבן נאָר תשובה געטאָן...

קאָמענדאַנט:

(וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם שמועס פון ווייטן) יאָ, דער האר גאָט האָט זיי מוחל געווען!

סעקרעטאַר:

(האָפערדיק) דער האַר יעהאָוואַ איז אַ דזשענטלמען!

מאַנשאַפט:

(נאָך מער האָפערדיק) ער איז אַ דזשענטלמען!

יונה:

שווייגט! (זיי ווערן תיכף אַנטשוויגן) פאַרשווערכט נישט דעם נאָמען פון דעם, וואָס אין הימל! (פויזע, שאַרף) פאַרשווינדט פון מיינע אויגן! (די מאַנשאַפט, דער קאָמענדאַנט און דער סעקרעטאַר גייען אַרויס, אויף הינטער זיך, מורמלענדיק: „תשובה... מחילה... וואָס געווען, איז געווען...״; יונה רופט צו די

קוליסן) יורצון, בינד זיי אַלעמען, ווי די כפּרה־הענער! (אַ פּויזע פון אינערלעכן געראַנגל) מחילה ?! וואָס געווען איז געווען ?! פאַרהאַנדלען אַלדי רשעות, אַלע יסורים, אַלע ענויים, דעם גאַנצן שפיכת־דמים, דאָס אויסטאָן ביזן לעצטן העמד, דאָס וואַרפן אין וואַסער, דאָס וואַרפן אין פייער ?! און מוחל זיין — ווּעמען ?! אַט די צבועקעס, אַט די אַלע פאַרשטעלטע מערדער, וואָס האַלטן כסדר דעם מעסער אין האַנט ?! זאָגט איר אַשטייגער, רב יודבר, איר אַליין — איר זייט מוחל ? איר קאָנט זיך זאָגן : וואָס געווען איז געווען ? איך נישט. מיין ווייב אויך נישט. און זי (ווייזט אויף דער שוויגער) אויך נישט. און יורצון אויך נישט. און קיינער נישט ! אדרבה, פרעגט זיי (ווייזט אויפן צושויער־זאַל) ווער פון זיי וועט פאַרגעסן און ווער וועט מוחל זיין ? קיין איינער נישט ! קיינער קאָן נישט מוחל זיין ! אפילו די אוצרות־זוכער, זאָלן זיי זאָגן ! (ווענדט זיך צו זיי) זאָגט !

יונתן :

חלילה, יונה !

יולקה :

מיר זיינען גאָרנישט אויסן געווען !

יונה :

עס מוז אַ סוף נעמען ! אַ סוף צו דעם בייז ! (ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, שאָקלט כרויעריק מיטן קאָפּ און הויבט אָן שטיל, ווי צו זיך אַליין) פאַרוואָר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון צבאות, יהוה : טוט אָפּ פון מיר אייערע פאַלשקייטן און אייערע לעסטערונגען לאָמיר נישט הערן ! (יונהס קול, וואָס איז כסדר שטאַרקער געוואָרן, איז איצט פול מיט ברויזנדיקן פּאַטאָס) וואָרום געשוואָרן האָט גאָט פון צבאות אַזוי צו זאָגן : דרום בין איך צו זיי ווי אַ לייב געוואָרן ! ווי אַ לעמפּערט אויפן וועג וועל איך לויערן ! (קורצע פּויזע; יונה קוקט זיך אַרום, ווי דערשראָקן, און טוט פּלוצלונג זיך אַ כאַפּ פאַרן מויל) אוי, רב יודבר !

יודבר :

וואָס, יונה ?

יונה :

וו־וואָס איז דאָ ?! ווער... ווער האָט דאָ איצט גערעדט ?!

יודבר:

דו, יונה.

יונה:

איך ?!

יודבר:

דו, אוודאי!

יונה:

מיט מיין אייגענעם מויל ?!

יודבר:

מיט דיין אייגענעם מויל.

יונה:

און וואָס, וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט, רב יודבר ?!

יודבר:

(נחתדיק) האָסט געזאָגט, מיין זון, ווי אין פסוק שטייט...

יונה:

האַ, איך רייד שוין מיט פסוקים ?! אוי, ביטער! (ער באַטראַכט זיך און שטיל, מיט הכנעה) וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער האַר: דו ביסט דאָך דער, וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אין די פריערדיקע טעג...

יודבר:

(מיט שמחה) דו ביסט דער, יונה! אוודאי ביסטו דער! ביסט אַ נביא! דיינע ווערטער אפילו זיינען שוין פון אַ נביא!

יונה:

איר האָט פאַרגעסן, רב יודבר? איך בין פון פאַר גאָט אַנטלאָפן.

יודבר:

ווייס איך וואָס! ס'האָט זיך דיר אויסגעדוכט!

יונה:

איך האָב געטענהט: כ'וויל זיך ניט מישן אין קהלשע געשעפטן.

יודבר:

אָבער אַז קהלשע געשעפטן מישן זיך כסדר צו דיר — האָסטו דאָך קיין ברירה נישט!

יונה:

און כוחות, רב יודבר? איך בין דאָך פאָרט נישט מער, ווי יונה בן אמתי, אַ פּראָסטער יונה, אַ יונה פון אַ גאַנץ יאָר!

יודבר:

אַז עס קומט די צייט, קאָן יעדער יונה אַ נביא ווערן. האָב נישט מורא, מיין זון!

יונה:

ווער רעדט וועגן מורא?! איך טראַכט דען וועגן נפש?! אינעם בויך פון וואַלפיש ווערט מען ביי זיך אויס יחסן. אָבער — אַזאַ שליחות, רב יודבר! ס'איז עפּעס אַ קליינינקייט?! (און נאָך אַ קורצער פּויזע, שטילער) אוי, נעם איך עס אויף זיך אַ פּעקל!

יודבר:

מזל־טוב, יידן! יונה איז א נביא געוואָרן!

אַלע:

אַ נביא! (רינגלען אים אַרום)

יוינעכע:

יונה!

יונה:

(וואָס איז געשטאַנען, ווי דערדריקט פון אַ שווערער מאַסע, הויבט אויף פּאַמעלעך דעם קאָפּ) דאָס ערשטע — ווען מיר אַ סוף מאַכן צום וואַלפיש. (רופט) יורצון!

יורצון:

(שטעקט אַריין דעם קאָפּ) וואָס, יונה?

יונה:

צינד אונטער דעם וואַלפיש, יורצון!

יורצון:

גוט, יונה. (פאַרשווינדט)

יונה:

קומט, ברידער! קומט פאַרברענען דעם וואַלפיש! זאָל פון אים קיין זכר ניט בלייבן!

יוינעכע:

קומט! קומט אַלע! (יונה, יוינעכע, יודבר און יוינאַווע — וואָס ציטערט פאַר מורא — גייען אַרויס; פון הינטער די קוליסן

(גייט אויף אַ רויטער אָפּגלאַנץ; יונתן און יולקה, וואָס זייַנען אויך מיטגעגאַנגען מיט יונהן, האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי די קוליסן און קוקן אַרויס, דערשראָקן)

יולקה:

אוי, יונתן, ס׳זאָל נאָר זיך אויסלאָזן גוט, יונתן!

יונתן:

האַלט פעסט דעם איידלשטיין, יולקה! האַלט פעסט!

יולקה:

יונתן — ער ברענט! דער וואַלפיש ברענט!

יונתן:

קוק נאָר אָן דעם פייער! אַ העלישער פלאַקער! (זיי קוקן אַ ווייַלע אין דער שטיל, באַרואיקן זיך ביסלעכווייז. אַ שמייכל באַוויַיזט זיך זיי אויפן פנים)

יולקה:

יונתן! ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן?

יונתן:

וואָס וועסטו מיר זאָגן, יולקה?

יולקה:

זאָל ער זיין אַ שיינע און ריינע כפרה!

יונתן:

אמן! און מיר האָבן אונדזער אוצר!

זוינעכע:

(קומט אַריין, רופט) יונה, זע! (יונה באַווייזט זיך; נאָך אים — יודבר און יורצון) אַ רעגנבויגן! אויף אַ לויטערן הימל! ריכ־טיק איבער אונדז!

זוינאָווע:

(קומט אַריין, קוקט אויפן רעגנבויגן) אוי קינדער, אַ נס! נסים ונפלאות!

יודבר:

(פייערלעך) יונה בן אמתי, דורך אָט דעם נס ביסטו געזאַלבט געוואָרן פאַר אַ נביא בפני כל עם ועדה! ווייל צו די אויגן, וואָס האָבן זוכה געווען עס צו זען! מזל־טוב דיר, יונה! (אַלע גיבן איבּ אָפּ מזל־טוב)

יורצון:

און איצט, יונה, אַז דו ביסט שוין למזל אַ נביא און דער וואַלפיש איז טויט — קאָנען מיר פאָרן אַהיים! אַהיים, יונה!

יונתן:

מיטן אוצר!

יולקה:

מיט אונדזער איידלשטיין!

יוינאָווע:

אַהיים, טאַטע־פאָטער!

יונה:

יאָ, אַהיים! יעדער צו זיין ווייַנשטאָק, יעדער צו זיין פייגנבוים! (שטילער) אָבער צו מיר איז געווען דאָס וואָרט!

יודבר:

דאָס וואָרט אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, גיי צו דער גרויסער שטאָט ננוה און רוף אויס אויף איר, וואָרום זייער שלעכטיקייט איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר!

יונה:

גיי איך, רב יודבר! מען קאָן נישט אַנטלויפן! נישטאָ ווו צו אַנטלויפן — נישט פון פאַר גאָט און נישט פון פאַר לייטן! איך גיי קיין ננוה. איך גיי אויסרופן אויף איר, פאַר איר שלעכטיקייט, פאַר איר רשעות. נישט גענוג אַז דער וואַלפיש איז טויט — עס קאָן חלילה קומען אַ צווייטער משחית. ווייל כל זמן עס שטייט נאָך ננוה, וועלן מיר ניט האָבן קיין רו אויף דער וועלט! און ס׳וועט קיין דאַך קיין זיכערער ניט זיין און נישט קיין ווייַנשטאָק און נישט קיין פייגנבוים! גיי איך קיין ננוה, וואָס איר שלעכטיקייט איז אויפגעגאַנגען פאַר גאָט.

יוינעבע:

איך גיי מיט דיר, יונה.

יונה:

יאָ, מיין ווייב, דו גייסט מיט מיר.

יוינאָהע:

און איך ?!

יונה:

איר, שוויגער־לעב?

יוכנעבע:

מאַמע, יונה איז דאָך געוואָרן אַ נביא!

יוכנאָוע:

נו, און אַז אַ נביא — איז וואָס ?! אַ נביא האָט שוין קיין שוויגער נישט ?! דאַרף מען מיך לאָזן אויף הפקר ?!

יוכנעבע:

אויב דו ווילסט גיין מיט אונדז, מאַמע.

יוכנאָוע:

מיט אייך ?! אויף נע־ונד ?! און ווו איז יושר ?! אדרבה (זי ווענדט זיך צו יונהן) איך פרעג דיך, דו ביסט דאָך עפּעס א נביא — טאָ ווו איז יושר ?! אַלע ווען זיך פונאַנדער־פאָרן, די שפּיל וועט זיין געענדיקט, דער פוירהאַנג וועט פאַלן און איך — אַ וויסטע אלמנה נעבעך, וועל בלייבן איינע אַליין אויף דער וועלט! איז רעכט אַזוי ?! זאָג דו אַליין — ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ שפּיל מוז זיך אויסלאָזן דווקא מיט דער חתונה פון א יונג פּאָרל ?! און פאַרוואָס זאָלן מענטשן ווי איך, פון מיטעלן עלטער, אויך אַמאָל ניט הנאה האָבן פון לעבן ?! (ברעכט אויס אין אַ געוויין)

יוכנעבע:

(וויל זי באַרואיקן) נו, שאַ, מאַמע!

יודבר:

(באַשליסט זיך אויף עפּעס און ווענדט זיך צו יונהן, שטאַרק אומגעשיקט) יונה, האָב נישט פאַר אומגוט, יונה. כ'וויל דיר עפּעס זאָגן, יונה. איך ווייס אַליין נישט, צי ס'איז גלייך, צי ס'איז קרום. מיין שליחות איז ברוך השם פאַרענדיקט. און, פאַרשטייסטו מיך, יונה, איך בין, נישט פאַר קיינעם גע־דאַכט, שוין העכער אַ יאָר צייט אַן אלמן נעבעך. טראַכט איך, פאַרשטייסט, יונה...

יונה:

(וואָס האָט לסוף פאַרשטאַנען) אוודאי פאַרשטיי איך, רב יודבר! געזונט זאָלט איר מיר זיין!

יודבר:

דיין שוויגער נעבעך איז — נישט פאַר קיין יידישע טאָכ־טער געדאַכט — אַן אלמנה.

יונה:

און אַ טייערע יידענע, רב יודבר! א כשרע, אַ צדקנית!

ווינאָווע:

(וואָס האָט געהערט דעם שמועס, כאַפּט אונטער מיט שמחה) און אַ בריה, אַ בראַנד, און ריין און ציכטיק און ליכטיק און שמעקעדיק און שטיל, ווי אַ טויב!

יודבר:

איז עס אפשר מן השמים, וואָס, יונה? דאָ וועלן מיר מקבל קנין זיין און אם ירצה השם ווי נאָר מיר וועלן אָנקומען אַהיים, וועט מען שטעלן חופּה. וואָס זאָגסטו, האָ, יונה?

יונה:

וואָס איך זאָג? איר זייט מיר איצט בפירוש אַן אמתער מלאך פון הימל!

יודבר:

חלילה, חלילה! אַ פּראָסטער בשר ודם!

יונה:

מזל־טוב, שוויגער־לעב! זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה!

ווינאָווע:

(וויינענדיק) אוי, יונה, יונה!

ווינעכע:

מזל־טוב, מאַמע!

אַלע:

מזל־טוב! מזל־טוב!

העראָלד:

(קומט אַריין) מזל־טוב פון מיר אויך! (צו די קוליסן) חברה, קומט אַריין אָפּגעבן מזל־טוב! פאַר אַזוי פיל צער זאָל כאָטש זיין אַ שטיקעלע נחת!

חברה־שפּילער:

(לאָזט זיך אַריין, מיט פריילעכן געפילדער און מזל־טוב געשרייען)

יורצון:

קאַלעגע העראַלד, צייט אויפן שיף! איך גיי צום רודער,
דו זע, אַז אַלע זאָלן שנעל אַרויף!

העראַלד:

קאָנסט גיין, קאַלעגע יורצון. (יורצון גייט צו דער שיף)
אַנו, חברה, מאַכט זיך גרייט! יעדער לויט דער ריי.
יעמוד — קאַלעגן אוצרות־זוכער, אַריין!

אַלע:

(זינגען) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע אוצרות־זוכער, דו מיין

(יונתן און יולקה, האַלטנדיק אין די הענט דעם איידלשטיין, טאַנצן צו דער שיף, אָבער פּלוצלונג בלייבן זיי שטיין, מיט אָפענע מיילער, ווי אַ דונער וואָלט זיי געטראָפן)

יולקה:

געוואַלד, יונתן!

יונתן:

אוי, יולקה!

יולקה:

זע נאָר אונדזער אוצר!

יונתן:

אוי, אונדזער איידלשטיין!

יולקה:

אַ שטיק ליים!

יונתן:

אַ קלאָדע האָלץ!

יולקה:

אוי, אַ פאַרבלענדעניש!

יונתן:

געוואַלד, אַ כשוף! (און פּלוצלונג, מיט רציחה) שלימזל!
אַלץ צוליב דיר! איך רוף דיך צו מענטשן!

יולקה:

דו — מיך ?! גזלן! איך רוף דיך צום רב!

הערָאלד:

צום רב, צו דער רביצן! הלך, קאָלעגן — נישטאָ קיין צייט! (יונתן און יולקה, שטויסנדיק זיך און אָנכאַפּנדיק זיך פאַר די האָר, גייען אַרויף אויף דער שיף)

הערָאלד:

יעמוד — קאָלעגן יונגע חתן־כלה, אַריין!

אַלע:

(זינגען) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע חתן־כלה, דו מיין

(די שוויגער און יודבר גייען צו דער שיף, טאַנצנדיק אַ מצווה־טענצל)

הערָאלד:

אַנו, בקיצור: יעמוד אַלע שאר־ירקות, אַריין!

אַלע:

(זינגען) אַריין, אַריין, אַריין, אַריין
טייערע שאר־ירקות, דו מיין

(זינגענדיק און טאַנצנדיק, גייען אַלע אַרויף אויף דער שיף; אין אַ זייט בלייבן בלויז יונה און יוינעכע)

יורצון:

(פון שיף) זיי געזונט, יונה הנביא!

אַלע:

זייט געזונט!

יודבר:

זיי מצליח, יונה!

יונה:

איך וועל מצליח זיין, רב יודבר. איך מוז מצליח זיין! כ׳ווייס, דער וועג איז ווייט און שווער און נגוהס שלעכטי־קייט דערלאַנגט ביז צו די הימלען. אָבער כ׳וועל דערגיין! און אויסרופן וועל איך! און כ׳וועל נישט רוען און נישט אָפּרוען ביז וואַנען די רשעות וועט ניט פאַרשווינדן פון דער ערד! ביז וואַנען ס׳וועט ניט הערשן יושר און צדק צווישן מענטשן און שלום צווישן פעלקער.

אַלע:

אמן!

ה ע ר אָ ל ד :

איז — למנצח, חברה ! אַ לעצטן שפּיל־געזאַנג פאַר יונהן
ס׳זאָל זיין צו האָרכן און צו שטוינען !
ווייל — אַריין שוין און אַרויס
אונדזער מעשהלע איז אויס !

אַ ל ע :

(זינגען) למנצח, למנצח !
למנצח ליונה !

(יונה און יוינעכע לאָזן זיך פאַמעלעך אין וועג; די שיף הויבט אָן פאָרן)

פ ו י ר ה אַ נ ג

**פון זעלבן מחבר**

אין פאַרלאַג „אויפסניי"

**נקמה-נעמער** — טראגעדיע

**המנס מפלה** — פאָלקס-שפיל